STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10368

DER HOLEM IZ MAYN EYDES

Meyer Stiker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר שטיקער

דער חלום איז מײַן עדות

M Soyer

מאיר שטיקער

דער חלום איז מײן עדות

תשכ"ה ניו־יאָרק 1965

MEYER STIKKER

DER CHOLEM IS MEIN AYDESS

THE DREAM IS MY WITNESS

שער־בלאַט און צייכנונגען
מ. סאָיער

געזעצט און געדרוקט בײַ
מאַרסטין פּרעס, אינק׳,
228 איסט 45 סט׳, ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן

Published by
DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N.Y., U.S.A.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK
488

דזשוליאַ'ן

תרשיש

איינס

איז דאָס דער וועג קיין תּרשיש?
פֿרעג ניט קיין קשיות, גיי. דעלפֿינען
מיט שטשירענדיקע ציין ווי שניי
ליגן טויט בײַם ברעג ווי פֿלעדער־מײַז אין די רואינען.
פֿון ים דער אויפֿגעפּראַלטער פּיסק
האָט אײַנגעשלונגען דעם שוואַרצן אָבעליסק.
אַ מידער פֿון מלחמות און פֿון וואַנדער,
ליגט אויסגעשטרעקט בײַם זוים פֿון וואַסערפֿאַל
דער מעכטיקער און גרויסער אַלעקסאַנדער.
די גאָטעכע אַסטענאַ און דער בעל,
דער קאַליף פֿון מאַמון, אַ ביזאַנטינער פּרינץ,
זײַנען איצט נאָר אויסגעהאַקט אין שימלדיקן מינץ.
פֿון בערג מיט זאַמד און קרישלדיקן שטיין
הער איך יונה הנבֿיא׳ס געלעכטער און געוויין.

צוויי

אמיתי׳ס זון ליגט אויסגעשפּיגן
בײַם וואַסערברעג. די הויט פֿון גרויסן פֿיש
דעקט צו זײַן געביין. געלע פֿליגן
שפּרינגען אום אין גראָז און פֿון דער טיפֿעניש
און אינגעווייד פֿון ים:
„איך בין אַן עבֿרי און מײַן שטאָם
איז אויסדערוויילט פֿון גאָט,
כאָטש איך בין פֿון אים אַנטלאָפֿן.”
דער שטורעמווינט וואָס האָט
געבושעוועט איז אײַנגעשלאָפֿן.
ווי קעמלהאָרבעס די ביימער זײַנען אײַנגעבראָכן
און קבֿרים שטייען אָפֿענע ווי בלוטנדיקע בײַלן.
גיי, דו מוזט זיך אונטעראײַלן.
די זון האָט מײַנע אויגן אויסגעשטאָכן.

וואָס נאָך בין איך דיר שולדיק, פּוילן?

וואָס נאָך בין איך די שולדיג, פּוילן?
איך האָב געטראָטן אויף דײַן פּעטער ערד
אין טשאָבעטעס מיט לעכערדיקע זוילן.
טאָג און נאַכט האָב איך זיך צוגעהערט
צו דײַנע קללות. מײַן אויסגעקרימטע פּלייצע
האָט אָנגענומען באהבֿה דײַנע קלעפּ,
און ווי די זאַנגען, אָנגעשטאָפּט מיט ווייצן,
האָבן דײַנע זין געשאַטקעוועט די קעפּ
פֿון מײַנע ברידער. איך זע נאָך איצט די קאָסע
פֿאַר די אויגן און די הייסע העק.
גראָזן זײַנען ניט געווען פֿאַרדעקט מיט ראָסע
נאָר מיט בלוט אין פֿרילינגדיקע טעג.
איך בין דורכגעגאַנגען אַלע גרוילן —
וואָס נאָך בין איר דיר שולדיק, פּוילן?

עלעגיע

פֿאַרמאַך די טיר, דעק צו דעם שפּיגל,
טו אויס די שיך און זעץ זיך אויפֿן דיל.
פֿאַרזוך אַביסל וואַסער פֿון אַ קריגל
און הער זיך צו ווי נאַכטיק־שטיל
עס שפּאַלט די צײַט זיך אין מינוטן —
נאָר אַזוי וועסטו פֿאַרטרײַבן דעם ניט־גוטן.

די בלומען אין דער דורכזיכטיקער וואַזע
שפּרייטן אַ פֿאַרשימלטן גערוך.
אין דײַן פֿיר־אַמותדיקן עולם הזה
זוך איר אָטעמצוג, איר פֿלאַטער און איר סקרוך.
אין דינעם, זײַדענעם געוועב פֿון שפּינען
וועסטו ווידער איר געשטאַלט געפֿינען.

זי וועט עפֿענען די ליפּן און די אויגן,
איר הויך וועט וואַרימען דײַן קאַלטע באַק.
זע, דאָס פֿירעהענגל פֿון שויב האָט זיך פֿאַרצויגן,
הער, דײַן האַרץ קלאַפּט מיט דער נאַכט: טיק־טאַק.
עס עפֿענען זיך מיט אַ סקריפּ די טירן —
שטרעק אויס אַ האַנט זי אָנצורירן.

זי וועט זיך זעצן נעבן דיר בײַם טישל
און אײַנטונקען אַ רייפֿטל ברויט אין זאַלץ.
ווי אין אַ וואַסער־סלאָי אַן אויסגעהונגערט פֿישל
וועט אויפֿצאַפּלען און שימערן איר האַלדז —
און לאַנג וועט זי אַזוי מיט דיר פֿאַרבלײַבן
ביז דער ערשטער שטראַל פֿון טאָג וועט אַלץ פֿאַרטרײַבן.

מיר קענען ניט אַנטלויפֿן פֿון די קיילער

װי שפּירהינט האָבן זיי אונדז אָנגעיאָגט.
מיר קענען ניט אַנטלויפֿן פֿון די קיילער.
מיר ליגן אויסבאַהאַלטן צווישן טראָסטינעס — פֿאַרצאַגט
פֿון יעדן גיוך און הייסער פּאַרע פֿון די מײַלער.

די בלויע בלום האָט געלע שטשירנדיקע ציין,
די נאַכטיגאַל איז לאַנג שוין אין די יאָרן.
דו פֿרעגסט מיך וואָס איך מיין. איך מיין:
נאָך אַ טאָג און נאָך אַ שעה, וויפֿל קען מען שפּאָרן?

אַ דונער קראַכט און שפּאַלט דעם בוים אין צוויי.
מיר זײַנען ניט קיין ביימער — ליליפּוטן
רינגלען אונדז אַרום אין אַ געדריי.
מיר מוזן אונטערגעבן זיך צו זיי מיט גוטן.

אַ גרוב וואַרט מיט אַן אויפֿגעפּראַלטן מויל,
ס׳איז פֿינצטער אומעטום, אַפֿילו וואו די זון איז.
אַכט און פֿופֿציק שוואַנען ליגן טויט פֿון יעגערס קויל.
פֿון אונדזערע האַרפֿן פּלאַצן שוין די לעצטע סטרונעס.

מיטן־נאַכטיקער געשפּרעך

איך זאָג צום קברן: וואַרף אַוועק
די קאַלטע לאָפּעטע אויף דער ערד.
אַ מנין ייִדן מיט צעווינטיקטע בערד,
מיט שטערנס טיף צעאַקערטע פון שרעק,
רינגלען אַרום דאָס בערגל דאָ
אין דער גרויער מיטננאַכטיקער שעה.

דער קברן ענטפערט: נאַכט נאָך נאַכט
נעם איך אַרייַן אין קלעם פון מייַן פויסט
די ערד פון קבר וואָס וואַרט אַנטבלויזט,
דעם ווינט און די שטערן, און הער ווי עס לאַכט
דער טויט אויפן קליינעם בערגל דאָ
אין דער גרויער מיטננאַכטיקער שעה.

איך זאָג צום קברן: דייַנע רייד
פון ווינט און שטערן, קויט און טויט,
פאַלן אויף מייַן הויט ווי שרויט.
דאָס ווילדגראָז אויף דער קבר־בייַט
ווערט צוביסלעכווייַז פאַרברענט
בייַם אָנבאַריר פון דייַנע הענט.

דער קברן ענטפערט: איך האַלט אין קלעם
דעם ווינט, די שטערן און די נאַכט
וואָס האָבן מיך אַהער געבראַכט,
און צירקל אוים אַ דיאַדעם
אַרום דעם קליינעם בערגל דאָ
אין דער גרויער מיטננאַכטיקער שעה.

ייִדיש

איינס

די בענשליכט צאַנקען אויס.
חלה־קרישקעס און אויסגענאַגטע ביינדלעך פֿיש
פֿאַראומערן דעם שבת קודשדיקן טיש.
אַ פֿינצטערניש הילט אײַן דאָס הויז.

די מאַמע זיצט שוין מער ניט אויבן אָן,
די קינדער און די אייניקלעך האָבן זי פֿאַרלאָזט.
אויף שמאָלע שויבן האָט דער שלויער פֿראָסט
אויסגעקאָוועט טויטנבלימלעך — גאַנצע זעקס מיליאָן.
זי קוקט אויף זיי מיט אויגן מילד און גרוי,
און שעפּטשעט שטיל: דאָס איז מײַן הויזגעזינט.
די טיר צעעפֿנט זיך — דער שבת־גוי
קומט אָן צו פֿלײַען מיטן שטורעמווינט.

צוויי

איך האָב אַזויפֿיל קינדער אויסגעטראָגן,
געוואַשן און געצוואָגן,
געציכטיקט און געליכטיקט,
פֿאַרתּפֿילהט און פֿאַרתּהילהט,
פֿאַרתּחינהט און פֿאַרשכינהט,
זיי נאָכגעגאַנגען שריט און טריט,
פֿון אַ גוט־אויג זיי אָפּגעהיט,
פֿון שטרויכלוועגן אויסגעמיטן —
ווער האָט די צונג פֿון מויל מיר אויסגעשניטן?
דעם פֿײַנטס אַכזריותדיקע שווערט?
אַן אייגן קינד וואָס האָט זיך אָפּגעקערט
פֿון מיר מיט גלײַכגילט און מיט שפּאָט
און זי פֿאַרזעצט אין די לאָמבאַרדן פֿון אַ גרויסער שטאָט?

דרײַ

װער װעט דיר ענטפֿערן? װער האָט די מאָס און װאָג?
פֿון הימל פֿאַלן שטערן אין מיטן העלן טאָג.

פֿיר

מאַמע טײַערע, איך גײ דיר נאָך,
אין דרײַען אײַנגעבױגן אין מײַן בראָך.
דער יאָך איז שװער און שװער דער גאַנג,
דער װינט פֿאַרטראָגט מײַן שטום געזאַנג
אױף זײַנע פֿליגל. װאו איז דײַן היים?
איכה ישבה בדד האם...

די סדרה ויחי

א. מ. פוקסן

ויקרא יעקב אל בניו . . .

אַ ווינטער פֿאַרנאַכט. די סדרה ויחי —
חסד און טרײַשאַפֿט ווי זײַד און ווי סאַמעט —
איך בין זעקס יאָר אַלט און גרייך ביז די קני
פֿון משה קצין דעם דרדקי מלמד.

איך חזר די פרשות מיט פֿאַרכט און איך ווייס
אַז זײַן לינקע האַנט איז איבער מיר פֿאַרצויגן.
נאָר זײַן האַרץ איז אויסגעלייזט פֿון אַלדאָס בייז
און ווי בײַ יעקבֿן טונקלען איצט זײַנע אויגן.

איך בין ראובֿן דער עלטסטער זון וואָס האָט
פֿאַראומווירדיקט דעם פֿאָטערס בעט מיט זײַן זאָמען.
נאָר זײַן נאָמען איז מעכטיק פֿאַרן פּנים פֿון גאָט
און גרויס אין געפֿעכט מיט די וואַסער־שטראָמען.

איך בין שמעון ולוי, פֿאַרשאָלטן ווי זיי
מיט וואָפֿן פֿון רויב, מיט רציחה פֿון מענטשן.
מײַן זעל איז צעשפּאָלטן, מײַן צאָרן און ווײי
ועט קיינער ניט לויבן, וועט קיינער ניט בענטשן.

איך בין יהודהס האַנט אויפֿן נאַקן פֿון פֿײַנט,
מײַנע ברידער טוען זיך צו מיר בוקן.
אַ יונגער לייב, מיט אויגן ווי ווײַן —
איך לאָקער אויף פֿעלקער זיי צו פֿאַרצוקן.

איך וואוין ווי זבֿולון בײַ די באָרטנס פֿון ים.
ווי דאָס אייזל יששׂכר צווישן שאָף־געהויפֿן —
דער רוקן געבויגן און מילד ווי אַ לאָם,
טראָג איך די קנעכטשאַפֿט פֿון קויפֿן־פֿאַרקויפֿן.

איך בין דן וואָס באַפאַלט ווי אַ שלאַנג דאָס פערד —
אַז דעם רײַטער פאַרכאַפּט אין האַלדז דער אָטעם
און ער פאַלט אַרונטער טויט אויף דער ערד —
נאָר גלײַך בין איך גלײַך מיט די אַנדערע שבֿטים.

נפתלי בין איך — מײַנע רייד הילכען אָפּ
איבער באַרג און טאָל, אין די טיפסטע תּהומען.
איך בין יוסף דער פאַסטוך מיטן געקרויזלטן קאָפּ,
דער פעלז פון ישׂראל, דער שטראָם איבער שטראָמען,

דאָס פרוכטיקעביימל בײַם ליכטיקן קוואַל
וואו די צווײַגן שטרעקן זיך איבער דער מויער,
דעם פאָטערס ברכות ווי אַ ווידערשאַל
פאַרקלײַבן מיט טרויער זיך איצט אין מײַן אויער.

נאָר איין זאַך ווייס איך, קלאָר און פאַרוואָר:
מיט בנימין דעם וואָלף וועל איך זיך ניט פאַרהערן,
ווײַל צום דרדקי מלמד, צו די ייִנגלשע זעקס יאָר
וועל איך זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן.

פּאַעטען

פֿון פֿוילע ביימער פֿאַלן פֿוילע עפּל.
קראַנקע קראָען קראַקען אויף די צווײַגן.
אין ווײַרויך פֿון גלחישן געפּרעפּל
פּאָעטן קומען אָן, קוקן צו און שווײַגן.

זיי זעען אַלץ, זיי שפּירן אַלץ און הערן
דאָס דין געוויין פֿון קאַרליקלעך, די שפּינען
וואָס וועבן לייטער-נעצן צו די שטערן —
זיי זוכן ניט נאָר קענען אַלץ געפֿינען:

דאָס אַרץ וואָס ליגט נאָך אויסבאַהאַלטן
אין אָדערן פֿון בערג ווי קאַלטע פֿלאַמען,
דאָס קלענסטע מערשקע-האַרץ אין שטיינער-שפּאַלטן
וואָס שרײַט אַריבער דעם גערויש פֿון ימען.

די הארן און די קנעכט, מיט בײַטשן און מיט ביקסן,
פֿאַרטיליקער פֿון גוטס — די רויבער און די ריכטער —
דעם יאסטרעב וואָס פֿאַרצוקט אי חיות, אי געוויקסן —
זיי זעען אַלץ, די שווײַגנדיקע דיכטער.

זיי שווײַגן לאַנג, זיי וואַרטן לאַנג און האָפֿן
אַז גאָט וועט זיך צו זיי אַנטפּלעקן —
ווען אַלע דוממים און אַלע צמחים שלאָפֿן,
נאָר מענטש און חיה קאָרטשען זיך אין שרעקן.

גאָטס האַרבעריק

גאָטס האַרבעריק שרומפּט איַין מיט יעדן
טאָג. אַ מנין גוטע ייִדן וואַרט —
צער־ פאַרשטאַרט און איַינגעשפּאַרט —
אויף איַינפּאָר־וויזעם צום גן עדן.
די באַנק איז לאַנג, דער אויוון אויסגעלאָשן,
שויבן שפּיגלען אָפּ פאַרפּאַפּטע בערד.
אויסגעלערט און אויסגעטרערט
שטאַרן אויגן אויף אַן אָפּגעבליאַקטן גראָשן.

הענט און פּיס און אויסגעדאַרטע ביינער
וואַרטן האָפעדיק אויף זייער ריי.
אַן אויסגעשריי — איינס און צוויי
קאַיקלען זיך אַראָפּ די קלאַפּטערדיקע שטיינער,
און אויגן שטראַלן אויף אין פריידן:
נאָך איין טראָט — זיי זאַינען אין גן עדן.

בבל

מיר ריידן אויף פֿאַרשיידענע לשונות —
מײַן בלוט און איך.
אין בבֿל-טורעם וואו מײַן וואוין איז —
מײַן בלוט זאָגט יאָ און איך זאָג ניין.
מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין.

די כּלבֿים רײַסן אָפּ די שוועלן
צום בלוט, צו מיר.
אין רינשטאָק פֿון פֿאַרסמטע צעלן —
מײַן בלוט זאָגט יאָ און איך זאָג ניין —
מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין.

דער טורעם פֿאַלט, די זײַלן קראַכן,
נאָר בבֿל בלײַבט.
אויף שווינדלטרעפּ פֿון שבֿעים שפּראַכן, —
מײַן בלוט זאָגט יאָ און איך זאָג ניין.
מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין.

יידישע פּאָעטן אין ניו יאָרק

געקומען זיינען זיי פון קליינע און פון גרויסע שטעט,
אין גראָבע בורקעס און אין שיך מיט לאַטעס,
מיט אויפגעפּראַלטע אויגן, מיט ליפּן אין געבעט:
עס זאָלן זיי דערקענען זייערע אָפּגעפרעמדטע טאַטעס.

אין לעבער פינצטערע אויף „ריד" און „פּיט",
אין פאַרקלעך אָן אַ ביסל גראָז און אָן אַ בוים,
האָבן זיי געשטעלט די ערשטע שעמעוודיקע טריט
און אָנגעהאַלטן זיך אין זוים פון זייער טרוים,

וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען פון דער היים,
ווי בלענד פון שניי און ווי דער רויש פון צווײַט.
אין פינצטערע אַלייען פון גראַניט און ליים
האָבן זיי פאַרזייט די קערנער פון אַ ליד
וואָס זאָל פאַרהוילן אַלע אַלטע לאַטעס —
עס דערקענען זיי שוין ווידער ניט די טאַטעס.

דערצייל מיר אַ מעשה: אַמאָל איז געווען...

מלך ראַוויטש

1

אין בלויען רויך פֿון מײַן ציגאַר,
אין קאָרטנשפּיל און אין געיעג
נאָך שלאַנקע מיידלפֿים —
צעווײנט זיך שטיל דער נאַר
אין מיר אין נודנע טעג.
דער הימל איז ניט שיין, ניט מיאוס.

וואָס טויג דאָס אַלץ? וואָס טויג
די מילדע וואַרעמקייט פֿון רייד,
די שמאָלע שורות פֿון אַ ליד,
אַ גוטן חבֿרס אַ גוטאויג,
דעם ווײַבס געבלימלט קלייד —
ווען אַלע גלידער זײַנען קאַלט, און מיד?

אין בלויען רויך פֿון מײַן ציגאַר
גרויט אויף דאָס פּנים פֿון דעם נאַר.

2

שקרופּלבלעטער נעמען מיך אַרום
אַפֿילו אין גרויסשטאָטישן געברום.
וואָלקנקראַצערס זײַנען שטום און בלינד.
פֿון אַלע זײַטן — קראַפּיווע און ווינט.
דערדושעט איז דאָס ייִדישע געזאַנג —
מיט וועלקע בלוטן טריפֿט דער זונענאונטערגאַנג.

3

זוך אַ שאָטן אויף דער גאַס.
אידיש ליד, ביזט מיד און בלאַס.
מיט זאַלץ באַשפּרענקלט איז די רוט
וואָס ציט אַרוים פֿון מיר דאָס בלוט.

4

דערציייל מיר אַ מעשׂה:
אַמאָל איז געווען
אַ ציגעלע אַ ווײַסע,
אַ ייִנגעלע אַ ברען.

דאָס ציגעלע שפּרינגט ניט,
דאָס ייִנגעלע זינגט ניט,
דער טרויער איז גרויס —
די מעשׂה איז אויס.

באַנטשע, שװײַג ניט...

באַנטשע, שװײַג ניט װי אַ ליימענער גולם.
דער קרומער פּישקע װאַרט אויף דיר אין מענדעלעס בויד,
די קליאַטשע דורך האַגל און שניי־געװיטער,
װעט צעטראַמפּלען די נויט אויף יענער זײַט פּלויט
און דיך ברענגען גלײַך אין טוביהס גיטער.

באַנטשע, פֿאַרגעס אין דײַן אָרעמען חלום.
שלמה נגידס זייגער און גאָלדענע קייט
זשאַװערן איצט אין פֿינצטערע לאָמבאַרדן,
נאָר ער װייסט אַז זײַן פֿרייד װעט זײַן צעשפּרייט
אויף בײדע זײַטן פֿון ייִדישן ירדן.

באַנטשע, אַנטלויף פֿון עולם התוהו.
קריך גיכער אַרײַן אין מענדעלעס בויד.
דער קליאַטשעס קלאָען װי הייסע קוילן
װעלן צעשנײַדן נויט און אויסמײַדן טויט —
עס פֿוילן די פֿעלדער און װעלדער פֿון פּוילן.

דער בעל מום רעדט צו גאָט:

באַפֿרײַ מיך ניט פֿון הויקער און פֿון עול,
לאָז מיך אַרומגיין טויב און בלינד און שטום —
אין מײַנע דלד אמות אַ בעל מום —
די איינזאַמקייט האָט אויך אַ ווידערקול.

זי ווירבלט ווי אַ וואַסערל אין וואַלד,
זי שאַרט זיך ווי אַ גריזשענדיקע מויז
אויף די געוועקסטע דילן פֿון מײַן הויז.
די איינזאַמקייט האָט פֿורעם און געשטאַלט.

זי האַלט מיך אײַנגעקלאַמערט אין דער צוואַנג
פֿון אירע בלייכע, ביינערדיקע הענט.
ווען ס'האָט די נאַכט דאָס לעצטע ליכט פֿאַרלענדט —
די איינזאַמקייט גייט אויף אין אַ געזאַנג
וואָס רוישט אין מײַנע אָדערן ווי מײַן בלוט.
ס'איז גוט אַזוי, מײַן גאָט, ס'איז גוט.

קלײנע עלעגיע

איך האָב קײן זאַך ניט פֿאַרגעסן:
דאָ ביזטו געשטאַנען, דאָ ביזטו געזעסן,
(דײַנע פֿינגער גלעטן אויס די פֿירהענגלעך,
שאַרן אָפּ דעם שטויב פֿון בלומענשטענגלעך,
פֿון בײַכיקע פֿאָליאַנטן און קלאַווישן.
דײַן בלאָנדער קאָפּ, פֿאַרטוליעט אין אַ קישן,
לויכט ווי אַ זונסנאָפּ מיט געפּלאַצטע זאַנגען),
דאָ ביזטו אין לאַנגע נעכט אַרומגעגאַנגען,
אויסגעמאָסטן טויזנטער אַרשינען
און אין שאָפּענישן געכליפּ געוואַרט אויפֿן באַגינען
און אויף מיר. אָ, איך האָב ניט פֿאַרגעסן
די נאָגנדיקע אויסגעשפּיגענע מעת לעתן
ווען איך האָב אין אַ צוואַנג פֿון שלויע שרעקן
געהאָפֿט אַז דו וועסט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקן,
אַז איך זאָל אין דײַן זון און שאָטן
זײַן אַביסל כאָטש אין דיר געראָטן.

אָ, אַלע זאַכן וואַכן אין זכרון:
דער דינפֿאַרשפּיצטער צאָרן ווי אַ דאָרן,
באַהאַלטן אין די פֿאַלדן פֿון דײַן שטערן,
געלעכטער אויסגעמישט מיט טרערן,
דער שנאהס גיפֿט, די ליבשאַפֿטן
מיט ביטערע און זיסע זאַפֿטן —
— טראָפּנס ווײַן אויף דילן אויסגעגאָסן
חרטהס און פֿאַרדראָסן,
און קרומע אומוועגן וואָס פֿירן
צו שטומע זומפּן פֿון דעלירן.

איך וויים: עס האָט איצט ניט קיין זינען
צו וועבן נעצן און ווי שפּינען
זיך אָפּזונדערן און אויסבאַהאַלטן
אין קאַנטן פֿון די ווענט, אין באַלקן־שפּאַלטן —
אומעטום, אַ אומעטום ביזטו פֿאַראַנען.
דאָ ביזטו געזעסן, דאָ ביזטו געשטאַנען,
דאָ האָט דײַן געלעכטער אומגעקלעטערט
און מײַנע בלוטן אויפֿגעטרייסלט און צעשמעטערט.
דאָ האָט דײַן געוויין מיך אײַנגעוויקלט
אין תּכריכים־לײַלעכער, צעפֿליקטע און צעשטיקלט —
נאָר דאָ זײַנען מײַנע ליכטיקסטע געזאַנגען
צוזאַמען מיטן ערשטן זונשטראַל אויפֿגעגאַנגען.

פֿיר לידער פֿון אַרטור רעמבאָ

איינס

די שפּײַכלערס שטייען ליידיק. דער חשבון איז קלאָר:
עס האָבן זיך געענדיקט די זיבן זאַטע יאָר.
די שטורעם-רעגנס וועלן אַלץ פֿאַרפֿלייצן,
פֿוילן וועט דער קאָרן, דער גערשטן און די ווייצן.
ס׳וועט טריקענען די פֿעל אויף יונגע קעלבער,
פּוסטעווען וועלן פּאַליצעס אין די געוועלבער.
אַלטע ווײַבער אין לעכערדיקע שאַלן
וועלן יאָמערן: ס׳איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן.
קינדערישע אויגן וועלן גאַפֿן
און וואַרטן אויף אַ שיף אין טויטן האַפֿן.
נאָר גאָט וואָס וואוינט אין די הויכע הימלען —
ער וועט אַ שווײַגנדיקער צוזען ווי די זוימען שימלען.

צוויי

אויף פֿאַרוואָרפֿענע וועגן, דורך שטעכיקן קאָרן
וועל איך בלאָנדזשען, טאַפּטשען אויף שלאַנקע גראָזן.
מײַנע פֿיס וועלן שפּירן דאָס שאַרפֿע בלאָזן
פֿון ווינט וואָס וועט שנײַדן מײַן לײַב ווי מיט שפּאָרן.

איך טראַכט ניט, איך רייד ניט, מײַן חלום העלט,
באַגלייט מיך מיט ליבשאַפֿט אויף שריט און טריט.
אין שפּעטן, זומער-בײַנאַכטיקן בלוי

שפּאַן איך ווי אַ ציגײַנער מיט
מײַן שווערן פּאַק איבער דער גרויסער וועלט —
גליקלעך ווי מיט אַ געליבטער פֿרוי.

דרײַ

אין די צעפּליקטע קעשענעס די קאַלטע הענט,
דאָס רעקל צעריסן און אָפּגעבלענדט.
מיט אַ לאָך אין די הויזן איז ער געגאַן
אונטערן הימל, מוזע, דײַן חברהמאַן.

כ׳האָב געחלומט חלומות פון ליבע און גליק
און גראַמען געשפּונען אַהין און צוריק,
זיך באַזעצט אין דער קרעטשמע פון די גרויסע בערן,
אויפן הימל האָבן שטיל געשעפּטשעט די שטערן.

בײַ אַ טיפן גראָבן האָב איך זיך צוגעהערט
צום געמורמל פון דער סעפּטעמבער־נאַכט
און צום טוי וואָס האָט אויף מײַן שטערן געטרערט.

און דיכטענדיק אינמיטן דער רו, האָב איך
ווי פידל־סטרונעס געצויגן פאַרטראַכט
די בענדלעך פון מײַנע צעריסענע שיך.

פיר

עס גליִען גאָלדיק־ברוין די טרויבן
און פלוימען פאַלן אויף דער ערד.
איך בויג זיך אָן זיי אויפצוקלויבן.
עס גליִען גאָלדיק־ברוין די טרויבן
און עפּל פוילן אויף דער ערד.

איך בין דער גערטנער — דײַנע בייטן
וואַרטן אויף מײַן אָנבאַריר,
איך אַקער דײַנע טונקלקייטן.
איך בין דער גערטנער — דײַנע בייטן
ליגן אויסגעשפּרייט פאַר מיר.

אַ טויב אין מאַנהעטן

פֿאַרגיב די גרויע טויב, אָ גאָט, פֿאַרגיב,
און האָב זי ליב ניט ווייניקער ווי דו האָסט ליב
דאָס ווערימל אין שפּאַלט פֿון טראָטואַר,
דעם שמייכל פֿון אַן אָפּגעלאָזטן נאַר
ווי איך, וואָס שפּאַנט מיט אײַלנדיקע טריט
און טראַכט פֿון דיר און מאַכט דערפֿון אַ ליד.

די טויב באַהאַלט זיך אין אַ טונקעלן קאַרניז —
די גאַס איז אויפֿגעיוירן, קאַלט און מיאוס —
און ווילדע יינגלעך זוכן זי אַרום,
אין זייערע אויערן איר וואָרקענדיק געברום,
מיט שטיינער אין די פֿרירנדיקע הענט.
ווי איך האָט אויך די טויב אין טונקל דיך דערקענט.

צום ווײַסן סוד

א. טאבאטשניקן

איינס

שלאַנגען, אויסגעהאַקט אין בערג פֿון אײַז,
פֿליִענדיקע וועלף אין שטערן־קרײַז.
דער בער איז שכּור ווי דער זיידע לוט —
און איך, אינמיטן פֿון דעם ווײַסן סוד,
נעם אַלץ אַרום מיט מײַנע קליינע הענט
וואָס ווערן אײַנגעשרומפּן און פֿאַרברענט.

קאָמעטן פֿליִען און שפּריצן הייסן קויל
אויף מײַנע ליפּן, אויף מײַן מויל,
אויף מײַן צעאַקערטן גניק.
זיי פֿליִען אָן און פֿליִען באַלד צוריק
צום ווײַסן, סודותדיקן שליאַך.
איך וויין, איך קלאָג, איך לאַך:
ווי קום איך דאָ אַהער —
צו עקדישן, צו וועלף, צום ווײַסן בער?

צוויי

שניירוויזן דרימלען אויף דער שויב.
אויפֿן פּלויט אַ ציטערדיקע קראָ
צעקראַקעט זיך און מאַכט מיך טויב.
די זון האָט נאָך אַ האַלבע שעה
צו זינקען אין אַ ים פֿון פּיאַלעט.
פֿון וואַלד שלײַכט אָן די גרויע מויז
און נישטערט אויס אַ שטיקל בעט
אין שפּאַרעס פֿון דעם פֿאָדערהויז.
מיט שווערע טריט און שלאָבערדיקע שיך
און מיט אַ פּנים וואָס איז שאַרף און שלוי —
דעצעמבער עפֿנט גיך די טיר פֿון קיך:

ס'איז פֿאָרונג-צײַט פֿאַר מאַן און פֿרוי.
נאָר איך פֿאַרקריך נאָך טיפֿער ווי אַ קראָט
אין די ענגע קלאַמערן פֿון ווייסן סוד.

דרײַ

קלאַפּטערס ווײַס אויף ווײַס —
שטערן־אײַז, לבֿנה־אײַז,
און אויף דער שמאָלער לאַן —
אַ חלום אין געשפּאַן.
דער סקאָרפּיאָן פֿאַרצערט
די פֿראָסטיק־שוימענדיקע פֿערד,
און פֿון געווירבל האָט
באַוויזן זיך דער ווײַסער סוד.

פֿיר

הײַזער פֿאַלן אײַן און קראַכן
און ווערן ווידער אויפֿגעבויט.
הײַזער וואַכן אויף און לאַכן
און שטאַרבן אין דער גרויער נויט.
פֿון אַלט געהילץ ווערט נײַער פֿײַער,
פֿון אַלטע פֿײַערן ווערט שטויב.
און דאָס געוויין פֿון מענטש און חיה
ווערט שפּינוועבס אויף אַ לויזער שויב.
פֿעלדמײַז נישטערן אונטער דילן,
די פֿרייד — נײַן איילן אין דער ערד —
וועט ווידער אויפֿטרייסלען דעם שטילן
קאָרן וואָס האָט זיי גענערט.

און איך, אין צוואַנג פֿון ווײַסן סוד,
וועל זוכן אַלץ דעם וועג צו גאָט.

אַ צווײַגל אויפֿן טראָטואַר

אַן אָפּגעבראָכן צווײַגל אויפֿן טראָטואַר
שטערט מײַן שנעלן, יאָגנדיקן שפּאַן.
איך שטוין: ווי קומט עס דאָ אַהער, פֿון וואַן?
איך קוק אויף דעם ווי אַן אָפּגעריסענער נאַר.

דוכט זיך מיר נאַר אויס אַזוי, צי וואָס?
קיין בוים איז דאָ נישטאָ אויף מײַלן ווײַט.
פֿון שטיינער־שפּאַלטן שפּאַרט אַרויס אַביסל גראָז,
עס גייען שטיל פֿאַרבײַ אַ צוויי דרײַ אַלטע לײַט,

און אינגלעך טומלען הילכיק און מיט פֿרייד.
איך הויב דאָס צווײַגל אויף און קוק עס אָן,
און זע אין אָפּשטראַל, ווען די זון פֿאַרגייט,
אַן אויסגעדאַרטן, דינפֿאַרשפּיצטן שפּאָן.

די אינגלעך לאַכן הילכיק און פֿאַרשײַט
און איך גיי נאָך די צוויי דרײַ אַלטע לײַט.

אין וואַלד פֿון ליד

א י י נ ס

אין פֿרײַען אָוונט פֿלײַען אַפּ פֿייגל־טשאַטעס —
מײַן אויער איז אַ רוישנדיקער וואַלד
פֿול מיט זייער ווילד געפּלאַטער.
איך ווייס אַז באַלד, אַז באַלד,
אין צוויי, אין דרײַ, אין פֿיר מינוטן
בלײַב איך אַליין מיט דעם ניט־גוטן.

ער וועט גענענען און זיך הויך צעלאַכן
און אויסשטרעקן אַ רויע צונג.
מיט אַ געבראַזג וועט זיך די טיר פֿאַרמאַכן
און איך וועל בלײַבן מיט דעם ווילן יונג.
די פֿייגל פֿלאַטערן אין מײַנע בלוטן
און איך זינג לידער צום ניט־גוטן.

צ ו ו י י

אַ פֿינצטערע, פֿולאויגיקע פֿאַנטערע באַפֿאַלט מײַן הויזגעזינד —
מײַן האָב און גוטס, מײַן קינד און רינד — שפּאַנט הפֿקר וואו
מײַן לאַנד איז רײַך צעבליט. און איך, אין שאַרף־געשטרײַפֿטע
טראַנטעס, ווי אַ קלאַון אין צירק, מוז צוזען, שטיל און מיד,
מוז הערן און מוז שווײַגן. איך וועל זיך אויסבאַהאַלטן אין קאַלטן
בלעטערפֿאַל, אין אַפּגעפֿוילטע צווײַגן, ביז די פֿאַנטערע וועט
מוזן ווערן מיד — זיך אומקערן צוריק אין וואַלד פֿון ליד.

מײַן וואַלד

צו ראָוז מאַרגאָשעס

דאָ איז דער ליפּע-בוים אַביסל אײַנגעבויגן.
אין בלעטערוואַרג: דרײַ לעכער — זשמורענדיקע אויגן
און אַ מויל וואָס שטשירעט, ברייט צעפּראַלט,
מיט פֿוילע ציין, ווי פּניאַקעס אינעם וואַלד.

און דאָס איז די בערעזע. די ווײַס און שוואַרצע קאָרע
בלענדט און שרעקט זיך גאָרניט פֿאַר אַן עין הרע.
דערנעבן קליינע ביימלעך — איך ווייס ניט זייער נאָמען —
שמאָל און שלאַנק ווי וואַסערשטראָמען,
נאָר טיף פֿאַרוואָרצלט אין דער שוואַרצער ערד,
ווי אייניקלעך נגידישע וואָס גאָט האָט זיי באַשערט
מיט כּבֿוד און מיט שיינקייט און מיט עולם הבא.
אין ווײַטן זומפּ צעקוואַקעט זיך אַ זשאַבע.

ווי קומט דער וואַלד צו מיר? איך זאָלט ניט פֿרעגן.
שכּורע גוייִם לויערן אויף מיר מיט העק און זעגן.

גיב מיר דײַן אָטעם...

איך בין אַנטלאָפֿן און זיך אויסבאַהאַלטן
אין די פֿאַלדן פֿון פֿאַרשאָטענטע געשטאַלטן —
אין פֿײַער פֿון גראַניט, אין מויל פֿון היאַצינט,
וואָס עפֿנט זיך אין פֿלאַטער פֿונעם ווינט.
נאָר יעדעס מאָל האָב איך זיך אומגעקערט.
אין דײַנע אָדערן, געליבטע ערד.

גיב מיר דײַן אָטעם, דײַנע ליפּן גיב,
די בערג און טאָלן פֿון דײַן לײַב וואָס איך האָב ליב.
גיב דײַן עשירות און דײַן דרויב,
די וואַסערקוואַלן און דעם שטויב,
און פֿון דײַן טונקעלן אינגעווייד —
דײַן פֿײַער און דײַן פֿראַסטיקייט.

דער חלום איז מײַן עדות

פֿון וואַנען קומען זיי, די האָרביקע, גרוי־טאָרביקע וואַנדראָווניקעס,
פֿאַרשטויבטע און אין גאָט פֿאַרגלויבטע למד־וואָווניקעס,
מיט פּנימער געצאַקט און אויסגעהאַקט ווי קיזלשטיין
און מיט דעם הייסן קויל פֿון סנה אין זייער הויל געביין?
פֿון וואַנען קומען זיי צו גיין,
מיט גוליעס און מיט קוליעס, אין שניי און רעגן,
ניט דורך קאַיזער־שטראָזן נאָר פֿון רזונדיקע הינטערוועגן,
מיט באָדיקעס אין די פֿאַרקלעפּטע, וואָל־געוועבטע בערד
און פֿיבערדיקע, גריבערדיקע אויגן — פֿאַרצערט און אויסגעטרערט?

פֿון וואַנען קומען זיי? דער חלום איז מײַן עדות:
איך קאָן זיי ניט דערקענען, מײַנע עלטערזיידעס.

גערענק־טאָוולען

מײַן זיידע נח

איינס

מײַן זיידע נח האָט געטריבן אויסגעפּאַשעטע בהמות
יעדן דריטן דאָנערשטיק אויף אַן אַנדערן יאַריד,
נאָר שבתים און יום טובֿים געצערטלט אַלטע שימות,
ניט ווינציקער ווי דאָס פֿלעשל נײַן און נײַנציקער אַקעוויט.

מײַן זיידע זישאַ מרדכי האָט אין פֿינצטערן געוועלבל
פֿאַר קונים אויסגעשפּיגן די גרינע גאַל,
נאָר מיט תּמימותדיקע אויגן, ווי בײַ אַ מאָגער קעלבל,
געדאַנקט דעם אויבערשטן פֿאַר יעדן חצי צאַל.

מײַן באָבע חיה שׂרה האָט דאָס קאַרבירטע שייטל
געביטן ווי די פּערלקאַם פֿון יאָר צו יאָר,
אַ געלע סטענגע, ווי אַן אָפּגעוויאַנעט קוויטל,
האָט באַצירט מײַן באָבע לייטשעם גרוי־געקרויזטע האָר.

דעצעמבער נײַנצן־פֿופֿצן האָבן די קאָזאַקן
פֿאַרשלעפּט אַ באָרוויסן — אין אַ צעשליסן העמד —
מײַן זיידן זישאַ מרדכי. אין הילצערנע באַראַקן
האָט ער אָפּגעפֿינצטערט אַלע זײַנע יאָרן אין דער פֿרעמד.

קיין בעהמען, אין דעם לאַנד פֿון מילך און האָניק,
פֿון ווײַנגערטנער, פֿון האָפּן און פֿון אַלדאָס גוטס,
האָט מײַן זיידע נח, דער הויפּט־העלד פֿון מײַן כראָניק,
געבראַכט זײַן הויזגעזינט — אַ גאַנצן טוץ.

אין בעהמען האָט מײַן זיידע — פּונקט ווי אין מצריים —
געדזשוויגעט שטיינער און געקנאָטן ליים,
ווען עסטרײַך האָט געקרוינט אַ קעניגל אַ נײַעם
האָט ער מיט דער משפּחה זיך אומגעקערט אַהיים.

צווי

בויבערקע שטייט חרוב, נאָר די שול איז גאַנץ געבליבן,
טשאַטעס פֿרירנדיקע פֿייגל האָבן זיך אַוועקגעשטעלט
אויף זריבעס נאַקעטע, געפּיקט און אויסגעקליבן
ווערימלעך און טויטע פֿליגן פֿון אַ טויטער וועלט.

„דאָס ביזסטו מײַן שטעטל?" — האָט דער זיידע זיך צעשריגן,
ער האָט געזוכט דאָס הקדש, דעם מרחץ און די בעלזער קלויז,
און מיט אַ וויינענדיקן, נאַגנדיקן ניגון
האָט ער אונדז צוגעפֿירט צום איבערבלײַבעכץ פֿון זײַן הויז.

די באָבע חיה שׂרה האָט געוווישט די טרערן,
די טעכטער און די אייניקלעך האָבן מיטגעוויינט מיט איר,
נאָר ווען עס האָט באַוויזן זיך דער ערשטער שטערן
האָב איך דערשפּירט אויף מײַנע באַקן אַ וואַרימען באַריר.

איך האָב געהערט דעם זיידנס זײַדן־סאַמעטענע ווערטער:
„דו ביזסט דאָס עלטסטע אייניקל, אינגאַנצן זיבן יאָר,
דו ביזסט געוועזן און וועסט נאָך זײַן אויף טויזנט פֿרעמדע ערטער,
נאָר בענקען וועסטו אייביק דאָ אַהער, דאָס זאָג איך דיר פֿאַרוואָר".

ער האָט דערלאַנגט אונדז וואַסער פֿון אַן אויסגעטשערפּעט קריגל
און פּעניצלעך פֿון קאָרן ראַזעווע פֿאַרדאַרטן ברויט,
דערנאָך אונדז אַ געלעגער אויסגעבעט פֿון שטיינער און פֿון ציגל,
און מיט די אייגענע צווי הענט צוריק זײַן שטיבל אויפֿגעבויט.

ער האָט פֿאַרפֿלאַנצט קאַרטאָפֿליעס, אוגערקעס און קוקורוזעס
און אָפּגעקויפֿט בײַם גוי אין דאָרף אַ מעלקענדיקע ציג —
דער זעלבער גוי האָט שפּעטער אָפּגעפּליקט פֿון טירן די מזוזות
ווען די אוקראַיִנער און פּאָליאַקן האָבן אָנגעפֿירט אַ קריג.

דער גוטער ייִד

יאָר אײַן, יאָר אויס מיט די קצבֿים זיך געלאָדן
אין דער זשופּיצע פֿון אַטלאַס וואָס האָט געבלענדט
ווי ביי הבֿדלה די נעגל פֿון זײַנע הענט.
יעדן זומער אין דער פּרי האָט ער די פּים געבאָדן
אין דער ריקע נעבן בית הקבֿרות.
געקומען זײַנען שעמעוודיק צו אים עגונות און עקרות
מיט קוויטלעך און נאָך גוטע עצות.
טרעגער־יונגען מיט פֿאַרשאַרטע היטלעך און ברייטע פּלייצעס
האָבן זיך געשראָקן פֿאַר זײַן שפּיזלדיקן בליק,
און כּלה מיידלעך ביים פּראַלען גרעט אונטער דער בריק
האָבן געחלומט פֿון זײַנע זיבן בנים.
די גאַנצע שטאָט האָט גוט געוואוסט אַז אָן אים
וואָלט דאָס וואַסער אויסגעטריקנט אין די קאַנען
און אין די מולטערס וועט דאָס ברויט פֿאַרוויאַנען.
נאָר ווען זיין ייִנגסטער זון האָט אָנגעטאָן אַ פּעלערינע
און מיט אַ יאַמשן־שטעקעלע אין שטאָט אַרומגעשפּאַנט,
האָט זיך פּלוצים אָפּגעטאָן פֿון אים די שכינה,
און מיט די אויגן, אָנגעצילטע צו דער מזרח־וואַנט,
האָט ער אין אַ ווינטער־אָוונט אויפֿגעהערט צו זשיפּן
און אויסגעגאַנגען מיט אַ קללה אויף די ליפּן.

פויטאַש קלעזמער

איצטער וויל איך פויטאַשן באַזינגען,
דעם בעסטן קלעזמער־יונג אין גאַנץ קליין־פּוילן,
פויטאַש מיטן גלעזענעם אויג און אויסגעריבענע זוילן.
ווען מעשענע טאַצן האָבן אָנגעהויבן קלינגען

האָט ער די סטרונעס פֿון זײַן פֿידל אָנגעצויגן
און בײַ אַלט און יונג, אַפֿילו בײַ יונים,
וואָס אַלע האָבן זיי דאָס זעלבע פּנים,
האָט די זון באַזעצט זיך אין די אויגן.

פויטאַש, פויטאַש, איך בין בײַ דײַנע פֿיס געלעגן,
מיט חתן בחורים און כּלה מוידן
צו חתונות געפֿאָרן אין אָנגעפּראַפּטע בוידן,
און געזען דיך וואַלגערן אַ שכּורער אויף הינטערוועגן.

קיין בויבערקע האָט דיך דער ווינט פֿאַרטריבן.
דאָרט האָסטו אויפֿגעזוכט אַ האַלבן טוץ קלעזמאָרים
און מיטן פֿידל־קאַסטן אונטערן אָרעם
אויף שטענדיק שוין בײַ אונדז פֿאַרבליבן.
אויף אַ מצבֿה צווישן הונדערטער קבֿרים
האָט דער ווינט שוין לאַנג דײַן נאָמען אָפּגעריבן.

בויבערקע איז מיט די וואָרצלען אויסגעריסן.
נאָר איך אַליין געדענק דיך, איך וועל דיך באַזינגען
ווען מעשענע טאַצן הויבן אָן צו קלינגען
און פֿידל־סטרונעס ליגן אין מײַן האַרץ צעשליסן.

פּראַים פּאַגעלפּאַנגער

נאַקעטע זריבעס. וואַרנדיקער קלויסטערשפּיץ.
באַדיקעס און ווילדגראָז טרויערן.
וואו זײַנען אַלע שיינע מויערן,
דער שולדאַך, די טשאַטע טויבן
און די שאַרלאַך־בלעטער פֿון די ווילדע טרויבן
בײַ חיים נגידם בלישטשנדיקע שויבן?

וואו איז דער שולהויף און וואו איז הערש דער לאַנגער
און וואו, אַ וואו איז פּראַים פּאַגעלפּאַנגער?
וואו די תּכריכים וואָס זײַן מוטער האָט געניית
מיט אַ פּראַסטיקער נאָדל און מיט הייסע פֿינגער —
די אַלטע מוטער און איר זון דער זינגער?

וואו זײַנען די יינגלעך מיט די פּאַפּירענע טשאַקעס און הילצערנע זעבלען,
מיט טשערעפּלעך, מיט גראַצערס און מיט קנעפּ?
וואו זײַנען די יינגלעך מיטן געלן אויסשיט אויף די קעפּ,
די יעפּרייטערס, די צוגפּירערס און די פֿעלדוועבלען?
וואו זײַנען די אויסגעקעכלטע — אין סאַמעטקראַגנדלעך און היטלעך
ווי מאַטראָסן —
וואָס האָבן פּאַרבאַרגענערהייט געכאַפּט אַ שלוק פֿון דאַמענפּאַפּיראָסן?
וואו איז פּויטאַש מיטן גלעזערנעם אויג און אויסגעדרייטע שיך
און וואו אָ וואו איז פּראַים פּאַגעלפּאַנגער מיט זײַן פֿליך?

וואו איז ער וואו, דער גאָלדענער זינגער
וואָס זײַן שם האָט ווי אַ ווילד געוויקס זיך צעבליט
אין קראָקע, אין פּשעמיש, אין טאַרנאָפּאָל,
און מיטגעגאַנגען מיטן בעטלער אויפֿן יאַריד,
און מיטגעגאַנגען מיטן פּאַסטוך אין טאָל?

וואו איז ער וואו, דער גאָלדענער זינגער,
וואָס האָט ווי בערל בראָדער אויסגעמאָסטן דאָרף און שטאָט,

געשטאָרבן פֿון הונגער, גענעכטיקט אין באָד
און גערופֿן די וועלט — „מײַן גינגאָלדענער ראָד"?

וואו זײַנען זײַנע לידער — „מײַנע הארציקע זין"?
וואָס מיידלעך פֿלעגן זינגען בײַ דער זינגערמאַשין,
פֿרײַטיק אויף די דילן בײַם גבֿיר
און שבת אויפֿן פעקאַליק און בײַם שפּאַציר?

אָ, פֿראָים פֿאָגעלפֿאַנגער, גאָלדענער זינגער,
וועלכער בית עולם באַהאַלט דײַן געביין?
איך שרײַב דאָס ליד מיט ציטעריקע פֿינגער,
זאָל מען עס לעזן אין שטילן געוויין.

דעם דיינס טאָכטער

זי איז געווען אַ סאָווע אין דער נאַכט.
נאַקעט ווי אין דער מוטערס טראַכט
האָט זי געכאָוועט חלומות און באַגערן,
אויסבאַהאַלטן אירע זיידענע טרערן
פֿון פֿאָטער, דעם דיין אין דער שטאָט.
זי האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף גאָטס באַראָט,
און זיצנדיק בײַם שבתדיקן טיש
געזען ווי אין אַ פֿאַרבלענדעניש
שלאַנקע העלדן פֿון ראָמאַנען,
שלעסער אויף די בערג און בלומען־לאַנען.
ווען טאַטע־מאַמע האָבן זי פֿאַרקנסט
האָט זי געשוויגן און גאַנצע טעג געפֿאַסט.
אונטער דער חופּה, הערנדיק דעם הרי את,
האָט זי אויפֿגעפֿלאַטערט ווי אין ווינט אַ ווײַנשלבלאַט,
און אירע אויגן האָבן געזען און אירע אויערן האָבן געהערט
ווי אירע פֿיס זינקען, זינקען אין דער ערד.

דער שטאָט משוגענער

מיט זײַנע צעווינטיקטע און ברייטע פּאַלעס
האָט ער אויסגעמאָסטן צוואַנציק מאָל אַ טאָג די שטאָט,
וואָס האָט געוואוסט: זײַן גרויסער עול איז
אויסצוקויפּן זײַנע יונגנטלעכע זינד בײַ גאָט.

דאָס דאַרע פּנים און די אויגנגריבער
האָבן אָפּגעשראָקן קינד און קייט.
אין יאָגעניש פֿון אויפֿגעפֿלאַמטן פֿיבער
האָט ער געשניטן דאָס וואָס ער האָט אַמאָל פֿאַרזייט.

מיט שטעקנס, שטיינער און מיט חוזק
האָבן באַדיונגען געצילט אויף אים אויף שריט און טריט.
די ברוסט צעכראַסטעט און די מלבושים לויזיק,
און אויף דער לינקער באַק אַ טיפֿער רויטער שניט.

אין האָס צום שוסטער, שנײַדער און צום טרעגער
האָט ער די שטאָט געהאַלטן פֿאַר אַ שטײַג מיט מײַז,
און אין הקדש אויפֿן טוכלעם שטרויענעלעגער
האָט ער געחלומט פֿון רענדלעך און פֿון אַ שיסל רײַז.

צוויי לידער צו לאהן

איינס

די ערד איז גראַניט. נאַס און קאַלט
פֿאַלן מײַנע אויגן צו.
איך וועל אײַנדרימלען ווי דו
אין נעפּלהויך פֿון דײַן געשטאַלט.

די ערד איז גראַניט. נאַס און קאַלט
וועל איך ווערן ווי די ערד.
כ׳האָב אַלע טרערן אויסגעטרערט —
היל מיך אײַן אין דײַן געפֿאַלד.

צוויי

ווען איך באַדאַרף
איז דער בוים אַ האַרף
און סטרונעס די צווײַגן.
ווי דאָס אָפּגעדאַרטע שטענגל בעז
אין דער שלאַנקער וואַזע אויף מײַן טיש,
וואָס וואַרט עס זאָל געשען אַ נס:
זיך צעבליִען אין דער טריקעניש.

װײן ניט, מוטער רחל...

איך האָב געהערט דער מוטער רחלס יאָמערלעך געװײן
װען משה קצין, דער דרדקי מלמד,
איז אַװעקגעפֿאַלן װי אַ שפּליטער פֿון אַ קרוכלשטײן,
דאָס מויל צעפּראַלט, װי שיטערע מצבֿות זײַנע צײן,
און זײַנע אויגן — אויפֿגעגלאָצט װי קאַלטער סאַמעט.

איך בין געװאָרן שטאַר און שטום פֿון שרעק,
װען דורך די טרעשטשענדיקע שויבן־שפּאַלטן
האָב איך דערזען אַן אָנגעלאָף פֿון שלעק,
פֿון עקדישן, פֿון פּיפּערנאָטערטס און פֿון װילדע בעק —
און בין געקראָכן אויף אַלע פֿיר זיך אויסבאַהאַלטן.

נאָר שפּעטער, װען דער קנויט האָט לאַנג שוין אויסגעברענט
אין קלעם פֿון מײַן פּאַרסאַזשעטן לאַמטערן,
האָב איך, טאַפּטשענדיק אין שנייאיקן געבלענד,
אַלץ געזען די רימענדלעך פֿון קאַנטשיק אין משה קצינס הענט —
אויסגעװייקטע פֿון דער מוטער רחלס טרערן.

שאָטנס אויפֿן שלייאַך

איינס

אַלטע שאָטנס, ווי אַלטע ווערטער, הילן מיך איַין.
ווען איך בין געווען זייער יונג
האָט אַ וואָרט אַ ברי געטאָן די שפּיץ פֿון מיַין צונג
און אויסגעוועפּט ווי קאַלעמוטנער וויַין.
שאָטנס שימערן אויף אַ קרומען שליאַך:
פֿינגער פֿון אַ בוים, פֿון אַ שינדל־דאַך,
פֿון אַ פֿירהענגל אויף אַ פֿאַרשטויבטער שויב.
אַלטע שאָטנס מאַכן מיך שטום,
אַלטע ווערטער מאַכן מיך טויב.
איך בין געראָטן אין אַ בעל מום.

צוויי

דערקען מיך ווי מען דערקענט אַן אייגן הויז.
ס׳איז שפּעט אין האַרבסט. די זון איז קאַרג.
די גאַס איז פּוסט, פֿאַרפֿוילט דאָס בלעטערוואַרג.
דורך פֿענצטער־ראַמען קוקט אַ פֿרוי אַרויס.
דו שטעלסט זיך אָפּ און שטוינסט:
דאָס איז דאָס הויז וואו דו וואוינסט.

דריַי

היַיזער שלאָפֿן קיינמאָל נישט.
די זון דאַרף זיי ניט אויפֿוועקן.
זיי דאַרפֿן זיך ניט שרעקן
פֿאַרן ווינט. אין דער פֿרי ווישט
ער זיי די אויגן אויס.
איך וויל זיַין געראָטן אין אַ הויז.

פֿיר

דײַן צאָרן ברענט אין מײַן זכּרון ווי אַ דאָרן.
דער זייגער טיקט, עם פֿלאַטערן די גאַרדינען.
אין דרויסן טרובען הייזעריק מאַשינען.
איך פֿרעג: וואָס איז געוואָרן
פֿון דײַן ליבשאַפֿט? מיר זײַנעןביידע וואַך.
רעגנטראָפּנס קאַפּען פֿונעם דאַך.

פיר בילדער

ישׂראל לאָנדאָנען

„לאַנדשאַפֿט" פֿון ב. קאָפֿמאַן

טונקל־גראָע קראָען מיט אָפּגעשונדענע פֿליגל,
מיט שנאָבלען שאַרף פֿאַרשפּיצט,
הויערן אויף אַ ווינטערדיק פֿאַרשנייטן פּלויט.
דאָס קליינע הויז איז אונטער שלאָס און ריגל.
דער פֿראָסט האָט אויף די שויבן אויסגעקריצט
בלומען־פֿליטערלעך, ווי דינצעשניטן קרויט,
און אויסגעשפּרייט אַ האַרטע פֿלאַך
פֿון גליטשיק גלאָז אויף יעדן שמאָלן שליאַך.
די גאַנצע לאַנדשאַפֿט שמעקט מיט ערבֿ־טויט.

„אַ שטיבל אין קאָנעטיקוט" פֿון חיים גראָס

אַ שטיבל אין קאָנעטיקוט —
דער דאַך צום הימל אויפֿגעהויבן.
אין זון־פֿאַרגייענדיקן בלוט
בלענדן שאַרף די שויבן.
די בלעטער קופּער־געל און גרעל
דעקן צו די הילצערנע פֿאַרפֿוילטע שוועל.
אַ פֿעטע דאַמע מיט אַ שירעמל אין האַנד —
דער רויטער הוט פֿאַרנומען מיט אַ גרינעם באַנד —
בלײַבט שטיין פֿאַרגאַפֿט אין מיטן גאַנג:
אַ בלויער פֿויגל פֿאַרגייט זיך אין געזאַנג.

„שטיל לעבן" פֿון זיגמונט מענקעס

די מאַסקע מיט׳ן אויפֿגעפּראַלטן מויל,
דאָס ברוינע בענקל און דער שמאָלער טאָפּ
מיט פּיאָלעטע בלומען — שטאַרן פֿונעם בילד אַראָפּ,
און דער געמיש פֿון טערפּענטין און אויל
שפּרייט אוים אַ זיסלעכן גערוך,
ווי פֿון אַ שליימיק שטייענדיקן טײַך,
ווי שימל פֿון אַ פֿאַרלעגערט לידער־בוך.
אין הינטער־גרונט : אַ גרינער פליאַם,
אַרומגענומען פֿון אַ שימערירנדיקער ראַם —
דאָס איז זײַן הארבסטיק קיניגרײַך.

„אַ קליין הויז בײַם ים" פֿון משה סאָיער

דאָס קליינע הויז בײַם ים.
רויטע פֿייגל טאַנצן אויפֿן דאַך.
קלעטערפֿלאַנצן דעקן צו די ווענט.
דאָרט וואו די זון האָט אָפּגעברענט —
אַ ווײַטער קײַלעכדיקער פליאַם.
געוויקסן הויבן אָן צו ווערן וואַך.

די כוואַליעס זידן אויף מיט שוים.
אַ מיידל האָט זיך שטיל צעלאַכט.
זי זיצט אונטער אַ פֿאַרדאַרטן בוים.
איר ווײַנגלאָז פֿאַלט אַראָפּ און קראַכט.
די שערבלעך בלישטשען. עס דערנענטערט זיך די נאַכט.

צום קלענסטן שטערן

פֿיר מיך, מזל, צו דעם קלענסטן שטערן.
גרייט צו פֿאַר מיר אַ באַנקבעטל פֿון שטרוי
וואו איך וועל ליגן, זען און הערן
דעם שאָרך פֿון שטילסטן טראָפּן טוי.
אין טיפֿן טײַך פֿון תּוהודיקן בלוי
וועל איך אַלץ אָננעמען פֿאַר גערן.

איך ווייס, דער וועג איז ווײַט און וויכערס קאַרגן
ניט די שאַרפֿסטע שטעך אויף יעדן שפּאַן,
וואו נאָך אַ טאָל איז דאָ אַ באַרג און
נאָך אַ וואָלקנבראָך אַ שטערן איז פֿאַראַן.
פֿיר מיך, מזל, רייניק אָפּ די צאַמען —
מײַן שטערן וואַרט און איך וויל ניט פֿאַרזאַמען.

גרונטפּעסטיק מיך...

גרונטפּעסטיק מיך און גיב מיר מאַכט
פֿון אַלע שטרויכלונגען אָפּצוהיטן.
מאַך פֿעסט מײַן טראָט. אָ, זאָלן מײַנע אויגן
באַצווינגען אַלע ווילדסטע קליפּות אין דער נאַכט
וואָס רינגלען פֿון אַלע זײַטן מיך אַרום
און ווילן מײַן געביין פֿאַרצערן.
גיב מיר כּח צו פֿאַרשווײַגן און צו הערן
ווי מײַנע שׂונאים, טויב און בלינד און קרום,
שפּרייטן נעצן אויף מײַן הויזגעזינד
און בייזן סם אויף מײַנע מילדע גיטער.
דו ביזסט מײַן האַר און מײַן געביטער,
און איך: אַ טראָפּן טוי, אַ שטויבעלע אין ווינט
וואָס הויבט זיך אויף און נידערט לויט דײַן ווילן —
וואָס דאַרף מיך אַרן ווען די כּלבֿים בילן?

טאַבאַטשניק, וואָס הערט זיך אויף איסט בראָדוויי?

טאַבאַטשניק, וואָס הערט זיך אויף איסט בראָדוויי?
— דער זעלבער רעגן, דער זעלבער שניי,
די זעלבע ביימלעך, נאָר עס פֿאַלן פֿון זיי
דינערע שאָטנס אויפֿן טראָטואַר,
וואָס יאָמערט און קלאָגט ווי דער אַלטער נאַר
וואָס פֿאַרקויפֿט פֿאַר גראָשנס זײַן ביסל צער —
אין הימל הערט מען זײַן וויגעשריי.

ווער איז דער בעטלער? — אַ בעל מום
וואָס קריכט אויף אַלע פֿיר אַרום
און האָט זיך פֿאַרלייגט אויף אונדזער תּחום.
נאָך איידער אונדזער זון פֿאַרגייט
האָט ער זײַן שאָטן אויסגעשפּרייט
אויף קינד און קייט, אויף שטוב און קלייט —
אין דער רינע דאַרבט די בלויע בלום.

און מיר? ווי קומען מיר אַהער?
— אויף איסט בראָדוויי, אויף ראַטגערס סקווער,
איז ראָזענפֿעלדס צעוויקטע טרער
פֿאַרבליבן נאָך ביז הײַנט צו טאָג,
און באַוושאָווערס פֿאַרווירטע פּלאָג
היט אונדזער קליינע מאָס און וואָג.
אויף יעדן טראָט, אויף יעדן קער

באַווײַזן זיי זיך אין פֿלייש און בלוט:
לייוויק מיט זײַן געזאַלצענער רוט,
דער בלאַנדער לאַנדוי אין גוטן מוט,
און מאַני לייב די טירקל-טויב —
זײַנע קווייטן בליִען אויף יעדער שויב —
האַלפּערנס געבריל מאַכט אַלץ אונדז טויב
און ראָלניק שעפּטשעט: ס'איז גוט, ס'איז גוט.

שטאָלצענבערג, גרוי צו אַכצן יאָר —
ער איז געווען מיט קיטלען אַ גלײַכע פּאָר —
איז נאָך ענג פֿאַרקניפּט אין אונדזער וואָר
און וועט קיינמאָל ניט אויסמײַדן אונדזער מיט.
ווי געפּערלטער טוי אויף צעבליטן צווײַט
גייט אונדז נאָך זײַן ליד אויף שריט און טריט
און פֿאַלט ווי שניי-שטויב אויף אונדזערע האָר.

דאָס אַלץ וואָס עס הערט זיך אויף איסט בראָדוויי?
— דער זעלבער רעגן, דער זעלבער שניי,
נאָר דעם אַלטנס בעטלערשער וויי-געשריי
דערמאָנט אונדז אין אונדזער בראָך און וויי.

אין גינגאָלדענעם שווײַגן

שטערן און פֿייגל,
שטיינער און דערנער —
קאָפּיטעטס און דערנער
בעל פּעור און עגל.

עס פֿלאַטערט דער שייטער:
ביינער, האָר, פֿלייש.
באַדיקעס און ביטער-קרייטער
ברענען אין עמוד האש.

אָנגעלאָדענע גלעקער
הענגען אויף צווײַגן —
זיי וואַרטן אויף די העקער
אין גינגאָלדענעם שווײַגן.

פֿאַרטיליק מיך...

נאַכט, נאַכט, פֿאַל ווי אַ שווערט
אויף מײַן נאַקעט אָפּגעשונדענער ערד.
פֿאַרטיליק מיך ווי דעם לעצטן שטראַל
אויפֿן זוים פֿון אײַנגעשטילטן וואַסערפֿאַל.

דערשטיק מײַן אָטעם אין דײַן קאַלטער שוים —
איך בין ניט בעסער ווי די פֿלעדערמויז,
איך בין ניט ערגער ווי די רויז וואָס שפּרייט
אירע וועלקע בלעטער אין דײַן אײַנגעווייד.

דער ווינט וועט אַלץ פֿאַרשאַרן...

דער ווינט וועט אַלץ פֿאַרשאַרן.
ליבע, ליד און לויב
וואַלגערן זיך אין שטויב
ביַי פֿינצטערע פֿאָנאַרן.

דאָס וואָרט וואָס האָט געקלונגען
זשאַווערט אויף דער קייט.
דאָס גאָלד פֿון אייביקייט
איז שפּאָט פֿאַר וואוילע יונגען.

זיי וועלן אַלצדינג אַרבן:
ליבע, ליד און לויב,
און וואַרפֿן וויַיסן שטויב
אויף מיַין צעקיַילטן שאַרבן.

עלעגיע: דזשאָן פּיצדזשעראַלד קענעדי

אין דער פֿאַרבלענדעניש פֿון זון און ווינט,
פֿון גאָלדיק-גרינעם שוים בײַם וואַסער-ברעג
אין די לעצטע ווייניק-טערפּקע טעג פֿון האַרבסט —
האָב איך געהערט די נײַעס אַז דו שטאַרבסט
פֿון קוילן וואָס האָבן אײַנגעבויערט שרעק
בײַ יונג און אַלט, בײַ קינד און רינד.

די בייזע שלאַנג וואָס צישעט סם —
(דער מענטש איז ניט געבאָרן פֿרײַ צו זײַן) —
האָט דיך געפֿונען גיך און אומגעריכט,
האָט אויסגעלאָשן פֿון דער וועלט דאָס ליכט,
דעם גײַסט, די קלאָרע וואָר פֿון זײַן,
דעם זון, דעם פֿאָטער פֿון זײַן שטאַם.

מיט קעפּ געבויגענע אויף טראָטואַרן און אויף טרעפּ
שטייען גאַנצע עדהס, נאָענט און ווײַט.
די ביימער רוישן ניט, די פֿייגל זײַנען שטיל,
דער ים האַלט אײַן זײַן ווילד געבריל —
די שלאַנג נאָר העשעט נאַריש און פֿאַרשײַט —
אַלמנה, היל אונדז אײַן אין דײַן פֿאַרווײנטן קרעפּ.

קליינע עלעגיע

מיר האָבן אויך אַמאָל געהערט
ווי עס שפּראָצט דאָס גראָז פֿון טראָטוארן־שפּאַלטן.
וואו איז דאָס ליד איצט? — אויסבאַהאַלטן
אונטער דער קאַלטער, גליווערדיקער ערד —
מיר זײַנען אַלטע לײַט מיט סיווע בערד.

מיר האָבן אויך אַמאָל געפֿלאַמט
אין זונגעשטראַל פֿון יונים און פֿון יולים.
די פֿאָספֿאָר־ריחות פֿון צעבליטע בתולות
האָבן אונדז אויף אייביק אָפּגעסמט —
מיר זײַנען אַלט און גרויער נאָך פֿון זאַמד.

מיר האָבן אויך אַמאָל געקלערט
די זון און די לבֿנה צו פֿאַרוואַנדלען
אין פֿולע זשמעניעס ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
איצט ליגן מיר נײַן איילן אין דער ערד —
מיר זײַנען אַלטע לײַט מיט סיווע בערד.

פּאָעטן

„דער האַרבסטווינט ווײנט אויף די געמאַרקן מיטן קלענסטן קרעמער אין אַ שטאַרבנדיקער שטאָט...״

ווי אָקסן וואָס שלעפּן זיך פֿון האַרבסטיקע יאַרידן,
מיט אָפּגעשײלטע פֿעלן, מיט אויפֿגעשוימטע מײַלער,
ווײַסן זײ: דער חלף אין דער האַנט פֿון קײַלער
וואַרט אויף זײ אין שעכטהויז וואו די בלוטן זידן.

דער וועג איז לאַנג. זײ בלײַבן שטײן אינמיטן
און מאַלעגײרען געלע, אויסגעפּליקטע גראָזן.
די בײַטשן קנאַלן, די בײזע ווינטן בלאָזן
און לאָזן איבער בלוטיק-טריפֿנדיקע שניטן
אויף זײערע אָפּגעשונדענע לײַבער —
דערבאַרימט זיך אויף זײ, אַ אָקסנטרײַבער.

אַ גרויער רעגן פֿאַלט...

אַ גרויער רעגן פֿאַלט באַלכסון
אויף גאַסן וואו קליינע קינדער וואַקסן
מיט קעפּ געשוואָלן ווי אַרבוזן
און לײַבער ווי בײַ קאַרליקלעך. זיי מוזן
נישטערן מיט אייטערדיקע אויגן
דעם חלום וואָס איז אַוועקגעפֿלויגן,
און ווייסן ניט וואָס ס׳האַלט דער מאָרגן
אין זײַנע פֿאַלדן טיפֿערהייט פֿאַרבאָרגן.
דער רעגן ווערט מיט יעדער רגע גרויער
און שרומפּט זיי אײַן אין מויערן פֿון טרויער.
יונגערהייט פֿאַרוויאַנען זיי ווי פֿלאַנצן
אין דער פֿינצטערניש און ווייסן ניט אינגאַנצן
אַז ס׳איז אַ זון פֿאַראַנען אין די הימלען.
דער גרויער רעגן פֿאַלט אַרונטער וואו זיי שימלען.

אין דײַן שאָטן

איינס

האַלט מיך אין דײַן זשמעניע ווי אַביסל ערד,
כאָטש איך ווייס אַז דאָס איז ניט גענוג.
דאָס איז ניט אַלץ וואָס גאָט האָט מיר באַשערט —
איך האָב די ווערט מער ווי אַ הענטל פֿון אַן ערדערנעם קרוג.

די ערד איז האַרט און האַרט דײַן האַנט.
מיט דײַנע שטײַפֿע פֿינגער דעק מיך צו.
כ'האָב ניט קיין אויסוועג, איך בין אײַנגעשפּאַנט
אין ענגן קרײַז. נאָר דאָרטן ווייס איך וואָס ס'איז רו.

צוויי

וויקל מיך אײַן אין דײַן דורכזיכטיק-בלײַכן שאָטן,
מיטן שטערנרויש, די בלומען און דעם ווינט.
איך בין אַ בויגן פֿול מיט דריבנע נאָטן,
ווי קוואַליק מיט חיים וואָס צערינט.

דײַן אָטעם-הויך באַרירט די אויסגעבויגענע סטרונעס
פֿון מײַנע אָדערן ווי אַ דין געוועב.
אין דײַנע דלד אָמות ווייס איך אַז די זון איז
אויסגערינען אין די הײלן וואו איך לעב.

דו גרייטסט צום טיש...

דו גרייטסט צום טיש, דאָס טישטוך בלענדט —
די זומערשפּרענקעלעך אויף דײַנע הענט
שימערן ווי פֿינטעלעך אויף שמעטערלינגען.
אַ שאָר פֿון שוך, דער קאַווע־קעסל זידט,
די רויזן אויף די שויבן האָבן אויפֿגעבליט —
און מעסער־גאָפּל הויבן אָן צו זינגען.

פֿון צײַטונג שרײַט אַראָפּ דער קאָפּ.
די גרינע סטענגע אין דײַן בלאָנדן צאָפּ
האָט אַלע אותיות אײַנגעשרומפּן.
כרושטשאָוו, קענעדי און דע גאָל
פֿאַרשווינדן ווי אַ שווערער עול
אין טיף פֿון היראָגליפֿן־זומפּן.

איך שנײַד די רעיפֿטלעך קאָרנברויט
און וויים: פֿאַראַנען וואו איז טויט
און מענטשן וויגן זיך אויף תּליות.
דײַן שטערן ציטערט אויף פֿאַרשײַט,
ווי דינע פֿעדימלעך פֿון זײַד
לויכטן דײַנע טונקעלע וויעס.

קלײנע עלעגיע

פֿאַר דר. ש. מאַרגאָשעס

ווער האָט געזאָגט אַז טויט איז אַ ליגן?
כ׳האָב געזען ווי לאַנדוי האָט אויסגעשפּיגן
די גאַל אין שוים פֿון אַ קופּל ביר —
פֿאַרגלאָצט די אויגן
און זיך אויסגעצויגן
בײַ אַ פֿעסל מיסט נעבן אַ פֿינצטערער טיר.

האַלפּערן וואָס האָט ווי אַ לייב געשריגן,
ראָלניק מיט זײַן דממה דקה ניגון,
און מאַני לייב די צויבערפֿלייט —
זיי האָבן אָפּגעשונדן
פֿון ליד די וואונדן
און אויך פֿאַרשוואונדן אין דער אייביקייט.

ווער האָט געזאָגט אַז טויטע ליגן
אין קבֿרים ווי קלײנע קינדער אין וויגן?
אָן אַ פּיפּס און אָן אַ שאָרך —
די געלעכערטע אויגן
מיט שערבלעך פֿאַרצויגן —
וועלן זיי ווערן צעשטויסן ווי פּאָרך.

ס׳וועלן קומען אַנדערע זינגער און קניִען
צו פֿייגל וואָס פֿליִען
און בלומען וואָס בליִען
און נאָכגיין הייסע יונגמיידלשע טריט.
נאָר איך וועל שווײַגן
און זיך פֿאַרנייגן
און מאַכן דערפֿון אַ טרויעריק ליד.

האַרבסטיקע פֿײַערן

צעברעקלטע בלעטער פֿאַלן אין האַרבסטיקן ווינט.
דער פֿריִער פֿראָסט טרײַבט קינד און רינד
אין שטיבער און אין שטאַלן, וואו
עס וואַרט אויף זיי אַ דרימלענדיקע רו.
דער הימל נידערט נענטער צו דער ערד,
אַן אַנגעשוואָלענער און טרערט און טרערט
ביז שפּעט אין טאָג, ווען ס'קריכט אַ שטיקל זון אַרויס.
אין האַרבסטיקע פֿײַערן גייט אויף דאָס הויז.

אין דער בלויער קרעטשמע מיט איציק מאַנגער

איך בין הײַנט געווען אין דער בלויער קרעטשמע
מיט איציק מאַנגערן דעם פּאָעט.
מיר זײַנען געזעסן בײַ אַ טישל אין ווינקל,
געטרונקען ווײַן און גערעדט און גערעדט.

מיר האָבן דערמאָנט די טרובאַדורן
וואָס זײַנען שוין לאַנג פֿון אונדז אַוועק.
די שלויע צײַט האָט פֿאַרווישט די שפּורן —
געבליבן פֿון זיי איז אַ זשמעניע שרעק.

„וואָס איז געוואָרן פֿון כּישוף־ניגון?" —
האָט מאַנגער געפֿרעגט און געזופּט דעם ווײַן.
ער האָט אַליין געענטפֿערט — איך האָב געשוויגן:
„אויסגערונען אין לבֿנה־שײַן."

כ'האָב אים איבערגעלאָזט אין דער בלויער קרעטשמע,
מיטן פֿלעשל ווײַן און די בלויע ווענט.
בײַם לעצטן פֿון אונדזערע טרובאַדורן
האָט אַ ליד ווי אַ דאָרנבוש אויפֿגעברענט.

אין דער פֿרי בײַם גרויען קלויסטערל . . .

איך בין ניט עלטער ווי דער בעטלער וואָס קומט צו גיין
יעדן אין דער פֿרי צום קאַלטן מערמלשטיין
פֿון גרויעם קלויסטערל ווען די גלעקער קלינגען.
פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿייגל פֿליִען אָן און שפּרינגען
אים אַנטקעגן אויף די טראָטואַרן.
דער ווינט הערט אויף די געלע בלעטער שאַרן,
אין זונגעשטראַל זײַן בליק ווערט הײַטער.
איך שטעל זיך אָפּ אַ רגע און שפּאַן ווײַטער.

אַ לאַנגער רעגן רינט...

אַ לאַנגער רעגן רינט,
פֿאַרשפּינט מיך מיטן ווינט,
צעשמעלצט מיך אין געשטיין.
ניט דער רעגן וויינט, נאָר איך אַליין —
איך וויין, איך וויין.

איך קריך פֿון הויז צו הויז
אין שטאָטישן געברויז.
איך בלאָנדזשע אום און מיין:
ניט דער רעגן וויינט, נאָר איך אַליין —
איך וויין, איך וויין.

די טראָפּנס פֿאַלן שווער.
ווי קום איך דאָ אַהער
צעשמאָלצן אין געשטיין?
ניט דער רעגן וויינט, נאָר איך אַליין —
איך וויין, איך וויין.

אין קליינע שטעט...

אין קליינע שטעט איז אַלץ קאַפּויער:
הײַזער שווײַגן, מענטשן גייען אום אין טרויער
און קוקן אויף די קלויסטערשפּיצן
מיט לאַנגווײַליקע און מידע בליקן.
פֿעטע, פּאַפּעליאַטע טויבן זיצן
אײַנגעקאָרטשעטע בײַ פֿינצטערע און שמאָלע בריקן —
איבער וואַסערלעך וואָס זײַנען מוטנע ווי די טעג
וואָס קומען שטיל און גייען שטיל אַוועק.

אין קליינע שטעט איז אַלץ דערווידער:
דער הימל אין דער הויך, די געסלעך אין דער נידער.
די כּלבֿים האַווקען ניט, דעם רויך פֿון קוימען
שטייט ניט אָן צו קרײַזן אין די רוימען
און קריכט צו מיר אונטערן איבערבעט.
איך האָב אײַך פֿײַנט, אָ קליינע, נודנע שטעט.

שלעפּער מיך אײַן

שלעפּער מיך אײַן, לאָז מיך שפּאַצירן
אין די שאָרכנדיקע פֿאַלדן פֿון דײַן קלייד,
דײַן האַרץ־קלאַפּ הערן און דײַן אָטעם שפּירן
און אָנרירן די זומערשפּרענקעלעך — צעזייט
און אויסגעשפּרייט אויף דײַנע האַנט־געלענקען.
אָ, לאָז מיך ווי אין טיפֿן דרימל בענקען
נאָך דער שמאָלער און צעבלענדעטער אַליי,
וואו בלאַנדע בלומען שלומערן. בײַ דײַנע קני̇ען
לאָז מיך אײַנשלאָפֿן — איך וועל ווי זיי
אין שפּעטע אָוונטן זיך אויך צעבלי̇ען.

פֿון חלום

פֿון טיפֿע, טונקעלע באַהעלטענישן
קריכן זיי אַרויס איןווינטער-נעכט,
ווען דער לבֿנהס פּנים שווימט אינצווישן
אײַזגעווימער. דער פֿראָסט וואָס שטעכט
די אויגן אויס און שינדט די הויט
פֿון קעלבער און פֿון רינדער,
מײַדט אויס די יאָגנדיקע בויד
אָנגעפּאַקט מיט אונטערצינדער.
זיי טרייסלען אויף דעם שלאָף פֿון קינדער
וואָס עפֿענען די אויגן חלומדיק פֿאַרגאַפֿט:
וואו איז דער רויש פֿון שטערן און פֿון מילעכוועג
פֿאַרשוואונדן? אויסגענאָגטע און פֿאַרשלאָפֿט
פֿון לאַנגן און צעשויבערטן געיעג
וואַרפֿן זיי אַראָפּ פֿון זיך דאָס בעטגעוואַנט.
די אונטערצינדערס מיט די רויט-פֿאַרפּאַפּטע בערד
רינגלען זיי אַרום פֿון קאַנט צו קאַנט.
עס ברענט דאָס הויז, אין פֿלאַמען קראַכט די ערד.

פון וואַנען קומען זיי?

די זונה און איר זינד,
די בתולה און איר קינד,
דער יאַסטרעב און דער ווינט —
פֿון וואַנען קומען זיי צו מיר אַצינד?

די זונה קומט אויף קוליעס,
די בתולה פֿול מיט גוליעס,
דער יאַסטרעב — טויב און בלינד —
שינדט פּאַסן פֿון דעם ווינט.

איך מאַך די אויגן צו
און בעט: גאָט, לאָז מיך צורו.

הגר אין מאַנהעטן

דיַינע פּילצענע שטעקשיך זיַינען אַלט און אָפּגעריבן,
די פראַנזן פון דיַין פּעניואַר גרוי און אָפּגעשליסן.
מאָגערע הגר, וואָס איז דיר איבערגעבליבן?
אַ געשוואָלענע ליפּ, אַ קין שטאָלץ און פאַררריסן
און אַ ביכעלע אָנגעפּראָפּט מיט אַדרעסן —
ווער האָט אַלץ שוין ניט אין דיר פאַרגעסן?

די ראַדיאָ גראַגערט, דער זייגער און דער ראַדיאַטאָר זשומען,
דער קאָווע-קעסל קען זיך ניט דערוואַרעמען.
דו ווייסט אַז קיינער וועט מער צו דיר ניט קומען,
אַז קיינער וועט זיך אויף דיר שוין ניט דערבאַרעמען.
אַפילו דאָס יויזל אויף דער וואַנט און די „גידעאָן ביבל"
קאָנען דיך ניט טרייסטן אין דיַין פאַראיבל.

דער שטויב וואַקסט אויפן ביליקן מעבלוואַרג, די דילן פוילן,
פּראָסט-בלימלעך קאָווען צו די שמאָלע שויבן.
שפּעט אין אָוונט צערעוועסטו זאַקן און קאַמזוילן —
נאָר אין חלום זעסטו שעפּסנפלייש און פעטע פערלגרויפּן.
דיַינע עלטער-עלטער זיידעס וויגן זיך אויף תּליות
פון דיַינע בלאָנד-געפאַרבטע האָר און פאַלשע וויעס.

די פעלזיקע בערג פון דעם ריז מאַנהעטן
האָבן ווי אַ וואָרצל כריין דיך אײַנגעשרומפּן.
גרינאויגיקע הגר, פון פאַרוואָרלאָזטע בעטן
גייט אויף דער גערוך פון שליַימיקע זומפּן.
אין אַ פינצטערן לאָך, אויפן פערצנטן גאָרן
וויאַנעט די לעצטע רויז אין דיַין זכרון.

דרײַ לידער פֿון יוליאַן טואווים

עפּאָס

אפֿשר קלינגען דאָס וואונדערגלעקער,
אפֿשר הילכן דאָס וואונדערהעקער,
אפֿשר דורך טאָלן מיט געפּילדער
יאָגט אַ פֿערד — אַ משוגע ווילדער?

אַ גאָלדענער סערפּ שנײַדט דורך דעם הימל,
וואונדער־טײַכן ליגן אין דרימל.
עס זשומען פֿליגן, עס לויפֿן האָזן,
אין טאַנץ זיך לאָזן גראָזיקע גראָזן.

אַ פֿינצטערער יעגער בלאָזט טויב אין האָרן,
אַ שוואַרץ־ווײַסער באָק קומט אַרויס פֿונעם דאָרן,
קומט אַרויס און פֿאַרבלוטיקט די גראָזן וואָס שפּראָצן.
אַרויף צו דער לבֿנה זײַנע אויגן גלאָצן.

עס ריטשעט ווילד די הייליקע חיה
און דער אייביקער שטורעם טוט העכער שרײַען.
העי, טאַטע ביק, איך הער! איך הער!
אויף שטערן רעוועט אַ שטערנדיקער בער.

אַ טאָג

מען רעגט זיך אויף, מען לויפֿט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג.
דורך די אויגן קריכן אין קאָפּ אַרײַן זאַכן, זאַכן.
ווערטער, פֿאַרבן און געדאַנקען פֿון אַ גאַנצן טאָג —
בײַנאַכט די מידע אויגן חלשן און שמאַכן.

עס וויינט די בענקשאַפֿט אַ צעוויינטע:
אַ גאָט, אַ האַר!
פֿאַרוואָס בין איך ניט געלעגן פֿאַר דײַן פּנים
פֿון דער פֿרי אָן, שטאַר?

מען רעגט זיך אויף, מען לויפֿט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג.
דאָ אַ שטיקל פֿרייד און דאָרט אַ ברעקל טרויער,
און פֿון אַלעמען אַ מאַרנע שטיקל שאַרבן —
בײַנאַכט די אויגן הויבן אָן פֿון בענקשאַפֿט שטאַרבן.

דרײַ גלעזלעך בראַנפֿן אויסגעטרונקען, זיץ איך טעמפּ
ווי אַן אידיאָט —
און איבערן פּנים שלאָגט און פּאַטשט מיך אַ פֿאָקסטראָט.
אַ שכּורער גיי איך שלאָפֿן מיט געשוואָלענע אויגן,
און אין מײַן שוואַרצן חלום
שטייט איבער מיר דער טויט געבויגן.

מאָמענט

אין גרויסן פֿענצטער פֿון אַ קרעמל איז אַ זילבערנע טרונע פֿאַראַנען,
און אין דרויסן פֿאַר די שויבן איז אַ דאַר, אָרעם מיידל געשטאַנען.
פֿאַרקוקט איז זי געווען אין איר בלייך געשטאַלט אין די שויבן
און אויף דער טויטן־טרונע און אויף איר ניט לעבעדיק לעבן,
און ניט ווילנדיק האָט זי געוואוסט, און ניט לויפֿנדיק איז זי געלאָפֿן,
און אויף די ימען געשוואומען און נאָך רעטונג גערופֿן.

אַ חתונה פֿון מאַרק שאַגאַל

„אַ קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך" —
ס'איז ניט קיין קו, ס'איז ניט קיין קעלבל,
נאָר חתן כּלה פֿון אַ אידישן כּרך,
מיט אַ קלויז, אַ הקדש און אַ הערינג־געוועלבל.

די כּלה — געשלייערט אין סאַמעט און זײַד.
טונקעלער אַטלאַס — דעם חתנס קאַפּאָטע.
זיי פֿליִען אַוועק העט ווײַט, העט ווײַט
פֿון דער זומפּיק־שטעטלדיקער בלאָטע.

אַ מלאך מיט ראָזעווע פֿליגל באַגלייט
דעם זון פֿון וויטעבסקער הערינג־פֿאַרקויפֿער.
דער פֿעטער זישאַ — די פֿאָלעס צעשפּרייט —
מעסט דעם מאַרק און קלאָגט אָן אויפֿהער.

ס'איז פֿינצטער אין פֿאָליש פֿון דער קלויז
און פֿינצטער די פּנימער פֿון די קלעזמאָרים.
זיי לויפֿן אַרום פֿון הויז צו הויז —
נאָר אַ „טרוויריקס" שפּילן זיי אָפּ אויף די קבֿרים.

די זון פֿאַרגייט ווי אַ פֿוטערפֿאַס
וואָס מינעט און בלענדט מיט מיליאָסן קאָלירן.
די מחותּנים וואַרטן פֿאַרשעמטע און בלאַס —
זיי האָבן ניט קיינעם אונטערצופֿירן.

די חתן כּלה — העט ווײַט, העט ווײַט.
די חתונה פּראַוועט מען אין די הימלען.
דער חתן אין אַטלאַס, די כּלה אין זײַד —
און דאָס שטעטל וויטעבסק הויבט אָן צו דרימלען.

מאַני לייב

דו ביזסט געקומען פֿון אַ ווײַטן באָרטן
צו אונדזער אײַנגעשרומפּענעם שטח —
אַ פֿרעמד געוויקס אין אונדזער בידנעם גאָרטן,
פֿול מיט פֿוילע ציבעלעס און רעטאַך.

אַ שמײַדיק ווערבע ביימל אינעם ציטער
פֿון ערשטער אויפֿגעשטראַלטער פֿרילינג־ראָסע.
די דאַרע טראָסטינעס און אויסגעהוילטע ריטער
האָסטו פֿאַרשניטן מיט דײַן אָנגעגליטער קאָסע.

שלאַנק און צאַרט, אָ שענסטער פֿון די פּרינצן —
האָסט אָפּגעשיילט דעם קופּערדיקן גראָשן
פֿון וואָרט פֿון אויסגעמאָגערטן און מינדסטן
און אײַנגעהילט מיט גינגאָלד אונדזער לשון.
דאָס פֿלייש און בלוט פֿון ייִדישע גערייִדן
האָבן איצט אַ תּיקון אין גן עדן.

משה לייב האַלפּערן

ווי היראָנימוס באָש האָסטו אומגעזוכט פֿאַרבן
אין בלוט און מאַרך פֿון אַ טויטן שאַרבן.
ווי ער — זײַן פּינדזל אײַנגעטונקען
אין שפּליטער־שימער פֿון שטערנפֿונקען.
אין ווירבלווינט פֿון כּלערליי שלעכטסן
האָסטו געהערט ווי עצמות יבֿשות קרעכצן.
ווי היראָנימוס באָש ביזסטו געקראָכן
אויף אַלע פֿיר מיט געבראָכענע קנאָכן,
גענידערט אַלץ טיפֿער אין קידער־ווידער,
און אין זומפּן און היילן — געפֿונען לידער.

זישאַ לאַנדוי

אַ גאַנץ לעבן האָסטו זיך געוואָלט געפֿינען
אין די גויאישע לידער פֿון קוזמינען.
ביזסט אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ קלעם
ביז דו ביזסט געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיטן בעל שם.
אין געשפּיצטן שטריימל, אין דער חסידישער קאַפּאָטע,
האָסטו דערזען אַז דער גוי ליגט ניין איילן טיף אין דער בלאָטע.
און אַ צעפּרעסענער פֿון ביטערער חרטה,
האָסטו אין אַ שפּעט־זומערדיקן שבת אויף דער נאַכט
זיך אומגעקערט אין דיין מוטערס טראַכט.

איציק מאַנגער

דו ביזסט די אויפֿגעבלענדטע שויב פֿון אַ לאַמטערן,
די זילבערטרערן פֿון אַ ווײַטן שטערן,
דער ווײַסער, שלענגלדיקער רויך פֿון קוימען
וואָס פֿינטלט היראָגליפֿן אויס אין הויכע רוימען.
די שלוה אין די בלויע אָוונט־שעהען,
דער טיפֿער טרויער פֿון די טונקלסטע ניט־דאָען,
ווען יעדע שורה, יעדעס וואָרט ווערט באַנגער
אין אָפּשטראַל פֿון דײַן דיכטער־קרוין — אָ, איציק מאַנגער.

וואָס זישאַ לאַנדוי האָט מיר אָנגעזאָגט אַ טאָג פאַר זײַן טויט:

גיי ניט ווײַטער — בלײַב שטיין בײַם וואָרט.
דער קרוג איז פֿול ביז איבערן ראַנד.
טו אָן אָן אָפּגעשליסענעם געוואַנט
און טרינק. מײַד אוים דאָס אָרט
וואו טאָט געוועלטיקט ווי אַ בייזער האַר
וואָס שאַנעוועט ניט קינד און קייט.
דאָ וואו דו האָסט דײַן שטיקל פֿעלד פֿאַרזייט —
מעג דאָס רייפֿטל ברויט זײַן דאַר און קוואַר,
איז עס אָבער פֿאַר דײַן גומען גוט
און בעסער נאָך פֿאַר דײַן געמיט.
פֿון טאָט ווערט — בלוט,
פֿון וואָרט — ווערט ליד.

צו אַבֿרהם סוצקעווער

דערשרעק זיך ניט — ניט אַלץ איז שוין פֿאַרוויסט
בײַ אונדז. דאָס אָפּגעגריזשעט שטיקל ערד
וואָס שׂונאים האָבן אונדז אומזיסט פֿאַרמיאוסט —
מיר האַלטן עס פֿאַר ליב, פֿון אויבערשטן באַשערט.

כאָטש וויכערס ווילדעווען אין בלײַכן גראָז
און ווילן אויסרײַסן די לעצטע ציטערדיקע קווייט —
האַלטן טײַער מיר די וואָג און מאָס,
דאָס האַרבסטיק גאָלד פֿון יעדער רינג אין אונדזער קייט.

פֿון ברוכווארג און פֿון קרישקעלעך קרישטאָל —
מיר שטעלן אויף אַן אָפּגעצאַמטע וואַנט,
און טראָגן אונדזער יאָך און אונדזער עול —
ניט ווייניקער ווי דו אין אויסגעטרוימטן לאַנד.

דרײַ לידער פֿון לי־טאַי־פּאָ

דאָס ליד פֿון צער

דער האַר האָט ווײַן אין הויז.
טרינקט נאָך ניט אוים!
וואַרט־צו. עס גרויט דער צער.
דער טרויער קריכט אַרום.
מײַן געלעכטער איז שטום.
מײַן געזאַנג האָט אויסגעצאַנקט,
קיינער ווייסט נישט ווי עס שלאָגט מײַן האַרץ
פֿון צער.

האַר, איר האָט ווײַן אַ גאַנצע נאַכט,
און איך אַ האַרף דרײַ פֿוס די לענג וואָס שמאַכט.
שפּילן און שכּורן, אַ האַרף און ווײַן,
ביידע וועגן שליסן זיך אײַן,
איין שלוק ווײַן אין צײַט
איז מער ווי גאָלד — און מער דערפֿאַר
פֿון צער.

און אויב די זון זאָל קיינמאָל נישט פֿאַרגיין,
און אויב די ערד וועט אויף אייביק בלײַבן שטיין —
ווי לאַנג קאָן זיך איינער
פֿרייען מיט כּבֿוד, גאָלד און איידעלשטיינער?
הונדערט יאָר — לעבן און שטאַרבן:
נאָר דאָס אַליין איז זיכער
ווי צער.

האָרכט — אונטן אונטערן לבֿנה ליכט
יאָמערט די הויקערדיקע מאַלפּע
אויף די קבֿרים — שיכט אויף שיכט —
אירע אויגן אויסגערונען און בלינד.

דערלאַנגט דעם ווײַן אַצינד!
דערלאַנגט דעם קרוג — ס'איז צײַט דערפֿאַר —
איך וויל אויסטרינקען מיט איין שלוק
דעם צער!

בײַם ברעג

יונגע מיידלעך רײַסן לאָטוס-בלומען
בײַם ברעג פֿון טײַך. צווישן קשאַקעס,
צווישן בלעטער, זיצן זיי און קלײַבן
בליטן, בליטן אין דער שוים און ריידן
שטיל און צערטלעך ווי אין גן עדן.

די גאָלדענע זון, האָט זיי אַרומגעוועבט
און שפּיגלט אָפּ אין בליאַסק פֿון וואַסער
זייערע קליידער, זייערע אויגן,
און דער ווינט שפּילט זיך אין געוועב
פֿון זייערע אַרבל און פֿאַרטראָגט זייער דופֿט
אין שימער און געפֿלאַטער פֿון דער לופֿט.

האָרך, וואָס בושעווען אַזוי די יִינגלעך
בײַם וואַסער ברעג אויף שלאַנקע פֿערד?
זיי רודערן אויף די צווײַגן
פֿון די טרויער-ווערבעס. אַ יִינגלס פֿערד
צעבריקעט זיך און ראַיעט אויף די ערד,
און צעטראַמפּלט די אַראָפּגעפֿאַלענע בליטן.

די שענסטע פֿון די מיידלעך וואַרפֿט
אים נאָך פֿאַרזאָרגטע, לאַנגע בליקן.
איר שטאָלצער שטעל איז נאָר אַ ליגן;
אירע פֿינקלדיקע, גרויסע אויגן
זײַנען מיטן טרויער פֿון איר האַרץ פֿאַרצויגן.

די אייביקע אותיות

וועז איך פֿאַרטראַכט די לידער מײַנע,
קוק איך אַרוים פֿון שטילן פֿענצטער
אויף די באַמבו־צווײַגן וואָס וויגן זיך אין ווינט.

זיי שימערן ווי אויפֿגעשוימטע וואַסערן,
און דער בלעטער־רויש קלינגט אָפּ
ווי דער געשפּריץ פֿון רוישיקע קאַסקאַדן.

איך שליידער אותיות אויף פּאַפּיר —
זיי זענען אוים ווי פֿלוימען־בליטן
וואָס פֿאַלן אויפֿן שניי אַראָפּ.

דער פֿרישער ריח פֿון מאַנדאַרינען־פּירות פֿאַרגייט
ווי ווען אַ פֿרוי באַהאַלט זיי אוים צו־לאַנג
אין די פֿאַלדן פֿון איר טונקל קלייד.

אַלץ פֿאַרגייט אין אָנבליק פֿון דער זון,
נאָר נישט די אותיות וואָס איר שרײַב איצט דאָ,
זיי זענען אייביק, דאָס ווייסט פֿאַרוואָר איך —
לי־טאַי־פּאָ!

צום מילכוועג

זע, דאָס זײַנע מײַנע טריט
אין שטומען שאָטן פֿון גראַניט.
זיי פֿלאַטערן צום הימלברעג
צו דער באַהעלטעניש פֿון שרעק.

הער, דאָס זײַנען מײַנע רייד,
דער ווירבלווינט האָט זיי פֿאַרווייט
צום פערפל־בלויען שטערנעק,
צום מילכוועג פֿון דער שרעק.

קום, דאָ איז מײַן סטעזשקע צער,
וואו בלעטער פֿאַלן דאַר און קוואַר
אויף דרײַצנהערנערדיקע בעק
אין דער באַהעלטעניש פֿון שרעק.

דײַטשן אין הייליקן לאַנד

„די טריט אויף היים-צעגליטע טראָטואַרן-שטיינער
אין ירושלים, חיפה און אין תל-אבֿיבֿ,
דערמאָנען אין דעם שאָרך פֿון טויטע ביינער...״
שרײַבט צו מיר אַ חבֿר אין אַ בריוו.

איך הער דעם שאָרך פֿון שאַרבנס און סקעלעטן
אין יעדן אות, אין יעדן װענד און קער.
אין טויטן-קאַמערן און אין קאַצעטן
הער איך דאָס פֿאַלן פֿון אַ לעצטער טרער.

איך זע: די קוימענס שפּײַען שוואַרצע רויכן,
איך הער דעם אָפּקנאַל פֿון אַ הייסער רויט.
איך זע: נשמות פֿליִען אין די הויכן,
דעם הימל גרוי ווי אַש, נאָר אויסגעמישט מיט בלוט.

מיט בלוט און מאַרך מײַן חבֿרס ווערטער טריפֿן.
ס'איז אויסגעווייקט דאָס בייגעלע פּאַפּיר.
נאָר פֿון דער הויך און פֿון די טיפֿסטע טיפֿן
צעפֿלאַטערט זיך גאָטס שטילער אָנבאַריר
און גלעט די אותיות. ווי שטומע הירעגליפֿן
שטאַרן זיי און גלאָצן איצט אויף מיר.

איך בין אין אַ טאָל מיט טויטע דאַפֿאָדילן . . .

איך בין אַ טאָל מיט טויטע דאַפֿאָדילן.
דײַטשן ווי די כּלבֿים יאָמערן און ברילן.
דײַטשן, ניט מיט לאַנגע בײַטשן, נאָר מיט ביקסן,
טראָמפּלען אום אויף מײַנע אויסגעריסענע געוויקסן:
אויף שטויב פֿון שטערנס, אויערן, ליפּן, ציינער,
קינבאַקן, האַרוואָרצלען און ריפּנביינער.

גאָטעניו, געדענק ווי גרויזאַם גרויס די צאָל איז
פֿון מײַנע אומברענגער, און זע אַז מײַנע קללות
זאָלן פֿאַלן גלײַך אויף זייערע קעפּ, אַ גאָט גערעכטער —
און אויף די קעפּ פֿון זייערע בלאָנדע זין און אומווירדיקע טעכטער.

קום מיט מיר קיין אוישוויץ...

קום מיט מיר קיין אוישוויץ, קום מיט מיר קיין בוכנוואַלד.
איצט זײַנען דאָרט די טירן און די פֿענצטער ברייט צעפּראַלט.
די קוימענס געניצן אין מידן דרימל,
די ווענט, די סטעליעס און די דילן זײַנען גרין פֿון שימל.
אין דרויסן שפּריצט די זון מיט קאַלטן שאַרלאַך
אויף ביימלעך מיט פֿאַרדאַרטע כרת-באַרלעך.
קום מיט מיר, דו דאַרפֿסט זיך מער ניט שרעקן —
אין גרויען שטויב וועט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקן:
אַ שמייכל פֿון אַ קינד, אַ מוטערס טרערן,
און דער לעצטער זונפֿלעק אויף אַ זקנס שטערן.

גערמאַנוס

דער ניט־גוטער קריכט אַרום פֿון זומפּן
און הירזשעט מיט אַ פֿרעך געלעכטער:
— איך האָב אַלע בלעטער, אַלע בלומען אײַנגעשרומפּן.
אײַערע בלאָנדע זין און טעכטער
גייען אום ווי אין אַ דומפּן
חלום. כ׳האָב אײַך געבונדן, אָפּגעשונדן
די דיקע הויט פֿון לײַב. וואונדן
פֿלאַקערן אין אײַערע אויגן, בלאָטערס
אויף די ליפּן, אויף די באַקן.
איר רעדט און קראָען קראַקען,
איר זינגט און עס ריטשען קאָטערס.
ווער איז אײַער פֿאָטער־מוטער?
— דער ניט־גוטער.

„אונטער דער לינדען"...

אונטער דען לינדען און אויף קורפירשטענדאם
שפּאַצירן אייניקלעך פון יעקבֿס שטאַם.
זיי ריידן דײַטשמעריש און האַלב־עבֿרית
און שפּירן ניט דאָס בלוט אונטער די טריט.
און איך און דו און זעקס מיליאָנען דוען
קענען אין די קבֿרים מער ניט רוען.
מיר שטייען אויף און גייען מיט.
איז דאָס אַ זון, אַ טאָכטער פון מײַן פעטער —
אונטער דען לינדען אויף פּאַרפּוילטע בלעטער?
איז דאָס אַן אייניקל פון אַבֿראַהאָם —
אויף די האַרבסטיק רויטע טראָטוּאַרן פון קורפירשטענדאָם?
זיי טאָפּטשען ביז די קני אין בלוט
און ריידן צווישן זיך: כּי טובֿ, ס'איז גוט.

צו אַ געהײמען בריװשרײַבער

מײן ניט אַז איך װײס ניט װאָס און װער —
אין יעדן װענד און יעדן קער
דערקען איך דײַנע קרומע שטעג.
דײַן טינט איז בלאָס, דײַן קול איז בלעך.
די מילדע טויבן אין מײַן טויבנשלאַק
װאָרקען שטיל און לאַכן פֿון דײַן האַק,
געראָטן אין אַ שטיקל שימלדיק פּאַפּיר.
זי האָט קײן שליטה ניט אויף מיר.

פּירער

שמייכל ניט, דײַן אָנגעזיכט —
געפֿורעמט ווי אַ געץ,
מיט קרעבסגעשווירן און מיט קרעץ,
געקלאַפּטערט שיכט אויף שיכט
אין גיפּס — וועט מיט געוואַלט
צעשמעטערן דעם גלײַכגעוויכט
פֿון דעם וואָס גילט פֿאַר דײַן געשטאַלט.
באַהאַלט זיך אין די פֿאַלדן פֿון אַ וואַלד
מיט אויגן, קינבאַקן און נעז —
אין נעפּלדיקן אָפּגלאַנץ פֿון געפֿעס
שלאָגט אָפּ דײַן שטים מיט האָגלדיקע שטעך
אויף האַרטן, אויסגעהוילטן בלעך
און קוילערט זיך צוריק, צוריק
אין די פֿאַרגלייזטע ווײַסלען פֿון דײַן אייגן־בליק.

אין מאַרק פֿון וואָרט

אַ, מעקלערס מיטן וואָרט, שאַכערמאַכערס,
ליליפּוטן, שרעטעלעך און זנאַכערס,
שוואַרצקינצלער און פֿאַרלשמינצלער
פֿון אין סוף און תּוך —
יעדע שעה פֿון יעדן טאָג אין יעדער וואָך —
אַלץ וואָס אין דער קאָרט און אַל־געמיינס :
צדיקים אַלע איינס און איינס.
איר האָט פֿאַרכאַפּט דאָס שענסטע אָרט
סאַמע אויבנאָן אין מאַרק פֿון וואָרט.

קידער ווידער

וואָס אַרט מיך וואָס דאָרט אין דער הייך איז —
דער עיקר, ווייס איך, איז די נידער.
כ'לאָז אָפּ די הענט און איך דערגרייך עס:
אַ שלל פֿאַררעטערישע ריחות
אין גרינעם זומפּ פֿון קידער־ווידער.

איך ווייס נאָר אַז איך ווייס — פֿאַרראַט איז
דער אָדערקנופּ פֿון מײַנע ברידער,
אַז זייער גאַנג און זייער טאַט איז
געקליידט אין לאַכעס און אין שמאַטעס
וואָס יערן אין דעם זומפּ פֿון לידער.

אַפּאָקאַליפּטיש ליד

פּולע ברונימער מיט זילבער און מיט גאָלד,
קורחס אוצרות וואַלגערן זיך אין מיסט.
שטעט און דערפֿער שטייען פּוסט און וויסט
און מלך אביון אין אַ מיצל מיט אַ טראָלד
מאַכט קאָזשלקעס ווי אַ פּאַיאַץ
אין גראַף פּאָטאָצקים חרובֿן פּאַלאַץ.

זומערפֿייגל, זומערפֿייגל
פֿלאַטערן אַרום דעם עגל.

אַשמדאַי אין פּורפּערנעם כאַלאַט —
אין כעלעם איז דער שופֿט און דער האַר.
פֿון אַסטראַפּאָליער ווײַנט אַראָפּ דער נאַר.
שרעטעלעך און שדים טאַנצן אַ וויוואַט
מיט טאַצן און מיט פּויקן אויפֿן מאַרק —
פֿון עץ הדעת פֿאַלט דאָס בלעטערוואַרג.

זומערפֿייגל, זומערפֿייגל
פֿלאַטערן אַרום דעם עגל.

לילית אין דימענטענע שיך, אין פּעניואַר
פֿון דינעם, דורכזיכטיקן זײַד,
שווימט אין זיבנשטערנדיקן קרײַז. פֿון ווײַט
קומען אָן פּאָעטן מיט אויגן פֿול מיט צער.
זיי בלײַבן שטיין און וואַרטן אַז די ערד
זאָל עפֿענען איר פּיסק ביז אַלץ וועט זײַן פֿאַרצערט.

זומערפֿייגל, זומערפֿייגל
פֿלאַטערן אַלץ אַרום דעם עגל.

אין טאָל פֿון שרעק

איינס

גיב אַכטונג, האָט ער געזאָגט און איך בין אים פֿאַרבײַגעגאַנגען.
זײַן שקרופּלדיקער שמייכל האָט מיך אָנגעיאָגט
אין די אויפֿגעפּראַלטע שפּאַרעס פֿון דער שטאָט.
לויפֿנדיק אויף גאָטס באַראָט האָב איך געהאַפּט אויף זײַן גענאָד.
און האָב צו זיך אַליין געזאָגט:
דער זומערטאָג האָט לאַנג שוין אָפּגעברענט.
די לבֿנה שמייכלט ווי די שאַרף פֿון דעם קינזשאַל
אין אַטעלאַס פֿלאַטערדיקע פֿאַלעס. די שטערן
גלימערן ווי דוקאַטן אין שײַלאָקס ביינערדיקע הענט
און שמאָלע שויבן שוימען ווי אַ וואַסערפֿאַל.
איך האָב דערהערט זײַן קול און האָב זיך אָפּגעשטעלט.
גיב אַכטונג, האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט
און דאָס מעסער אין זײַן האַנט האָט אויפֿגעהעלט.
שרעק האָט מײַנע בלוטן אויסגענאָגט.
איך האָב געזען: דער לבֿנהס שמייכל איז פֿאַרצערט
און טונקעלע דוקאַטן וואַלגערן זיך אויף דער ערד.

צוויי

שאָטנס קריכן שטום אַרום פֿון שטיינערנעם געוועב.
זיי נידערן אַרונטער ווי פֿון קרום-געצאַקטע טרעפּ
און רינגלען מיך אַרום מיט פֿלאַטערדיקע פֿליגל.
אײַנגעזיגלט אין געשפּענסט פֿון עיגול
עפֿן איך די ליפּן און איך זאָג:
וואו דער לבֿנהס פּנים רינט אויס בײַם שפּראָץ פֿון טאָג
און וואו די שטערן גייען יעדן אין דער פֿרי אַוועק.
וועל איך געפֿינען רו — אין טאָל פֿון שרעק.

דער פּאָעט פֿרעגט און ענטפֿערט זיך אַליין:

וועט ווער אַרונטעררײַסן די מאַשקאַרע
פֿון מײַן פּנים? די פֿאַרב איז אַלט
און אָפּגעשליסן ווי דאָס העמד
אויף מײַנע לידער און ווי די מראה
פֿון אַ שלעפּעריונג אין וואַלד
פֿון וואָרט, וואָס שטאַרט פֿאַרשעמט
פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר זײַן טראַכט,
ווען קאָמעטן קראַכן אין דער נאַכט.
איך פֿרעג און ענטפֿער זיך אַליין:
גאָט האָט אָנגעטאָן אַ שלאָס, אַ זיגל אויף מײַן מויל
און ווערטער טריקענען און ווערן שטיין און ביין.
דער סנה האָט אויסגעברענט מײַן ליד אויף קויל.

אין בידנעם פֿלאָשינג...

פֿאַר ב. וו.

די שיפֿן אין דײַן באָרטן שטייען ליידיק
אונטער דעם כמאַרנעם הימל פֿון מאַנהעטן.
דײַן ליד וואָס איז אַמאָל געווען פֿריידיק
האָט אויפֿגעהערט צו שמייכלען און צו גלעטן.
אין שמאַטיק היטל און אין ברודנעם שפּענצער
טראָגסטו נאָך אַלץ דײַן קאָפּ פֿאַררימן.
דער בין השמשותדיקער בליאַסק פֿון פֿענצטער
האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרצערט דײַן אָרימאַנסקע בימן.
דער מלאָך וואָס איז אַמאָל געשטאַנען דיר צוקאָפּנס
טרעט איצט אויף אויסגעטריקנטע און דאַרע בלעטער.
דײַן באָבע טרייסט דיך מיט חלשות טראָפּנס,
עס מינטערן דיך די מומעס און די פֿעטערס.
דו ביזסט ניט פֿון דאָרטן, דו ביזסט ניט פֿון דאַנעט —
אין בידנעם פֿלאָשינג ליגט דײַן ליד פֿאַרוויאַנעט.

צום פֿאָטער

װיפֿל רעלסן האָט די זון געביטן
און מיט װיפֿל בלינדע שאָטנס האָבן
שטערן אײַנגעװיקלט דיך אין גאַנג
צו מיר, מײַן שטאַרבנדיקער פֿאָטער?
דײַן שטראָף האָט מיך ניט אויסגעמיטן
אַפֿילו אין די הײלן װאָס כ'האָב אויסגעגראָבן
דו זאָלסט ניט קענען הערן מײַן געזאַנג
װאָס איז אין דיר געראָטן, פֿאָטער.

דײַן שפּאָט און אַלע בײזע קללות
הויערן װי אַ הויקער אויף מײַן רוקן.
איך בין דײַן עלטסטער זון, דײַן בכור,
דאָס שענסטע ליד פֿון דײַנע לידער.
נאָר װי עס קומען און עס בײַטן זיך מזלות
צו װעלכע געצנדינער קניִען און בוקן
זיך, אַזוי האָסטו יעדן טאָג פֿון יאָר
פֿאַראומערט מיך אין יאָך און קידער־װידער.

אַפֿילו איצטער װען דו הערסט דעם לויער
און געפֿלאַטער פֿון אַ טשאַטע קראָען
אויף דײַנע שװעלן, אויף דײַן שויב,
װילסטו מיך נאָך אַלץ באַזיגן און באַצװינגען.
קוק אין מײַנע אויגן, אין מײַן טרויער,
און זע: איך בין מיט דיר אין דײַנע לעצטע שעהן
און שװער: איך װעל דיך װי אַ מילדע טויב
גלײַך װי לעבעדיקערהייט באַזינגען.

דער לידער־וואוכערניק

פֿון פֿרעמדע מאַרקן און כּאור הבוקר
קומט צו גיין דער לידער־וואוכערניק.
מיט טאַרבעס אָנגעשוואָלן ווי זײַן הויקער
בלײַבט ער שטיין באַם שוועל פֿון אונזער האַרבעריק,
וואו יעקבֿ גלאַטשטיינס שטראַלנדיקע אידן
זײַנען אויסגעזעצט צופֿוסנס פֿון בעל שם,
וואָס איז פֿון איציק מאַנגערס לידער
געקומען זיי באַפֿרײַען פֿון דער קלעם.

די שטערן און די הימלישע מזלות
קראַכן אינם שוים פֿון זונגעשטראַל
און וואַסערפֿאַלן הערן אויף צו פֿרירן.
דער וואוכערניק צעפֿליגלט ברייט די פֿאַלעס
און גראַשנס פֿאַלן מיט אַ זשאַווערדיקן קנאַל
בײַ אונזער האַרבעריקס פֿאַרקלאַפּטע טירן.

מײַנע חבֿרים

מײַנע חבֿרים האָט גאָט באַשערט
צו אַקערן טאָג און נאַכט די ערד
פֿון וואָרט וואָס זייערע מאַמעס
האָבן פֿאַר זיי אויסגעכאַוועט.
אין זייערע ענגע ד׳ אמות
זײַנען זיי איצט אײַנגעקאָוועט
ווי דינפֿאַרשפּיצטע דערנער פֿון אַ רויז
אין שפּעטן הארבסט וואָס שטאַרבט,
און בענקען נאָך דער מאַמעס שוים
וואו זייערע לידער זײַנען אײַנגעקאַרבט.
זיי וועלן זיך ניט אויפֿהערן צו מערן
כּחול על שׂפת הים און ווי די שטערן.

יעקבֿס דיך

איך וועל זיך ווידער אומקערן
צו זיך. די טויטע זײַנען מיך
מקנא. איך וועל ווידער הערן
דאָס אורגעזאַנג פֿון יעקבֿס דיך.
דער איבערפֿלוס פֿון זאָמען
וועט קלינגען אין דער מדבר־נאַכט
און ווידער רופֿן מיך באַם נאָמען
ווי אַמאָל ווען ס׳האָט מײַן מוטערס טראַכט
געעפֿנט זיך און צוגעשלאָסן
ווי בלעטלעך פֿון אַ בלינדער רויז.
דאָס בלוט פֿון חרפּהס און פֿאַרדראָסן
וועט מער ניט וויאָנען אין מײַן שויס.
איך וועל זינגען ווי אַן אויפֿגעוואַכטער שטראַל
אויף אַ קליינעם שאָטנדיקן וואַסערפֿאַל.

עלעגיעס נאָך זעכציק האַרבסטן

„דער וועג אַרויף און דער וועג אַראָפּ
איז איינער און דערזעלבער" — העראַקליט

אײנס

דאָ בין איך אַן אינדזל אין אַן אינדזל.
אַ מושל וואָס דער ים האָט אויסגעשפּיגן
וואַלגערט זיך אין זאַמד —
דאָס מויל צעפּראַלט און אויסגעליידיקט.
כוואַליעס הויבן זיך און פֿאַלן,
מעוועס שוועבן אין דער לופֿט
און לאָזן איבער שמאָלע פּאַסן —
טונקלגרוי און אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ.
די תהומיקע צעשפּרייטקייט שרײַט:
דער ים וועט אַרבן און פֿאַרדאַרבן אַלץ,
אויפֿרײַסן די ביימער מיט די וואָרצלען,
אַריבערשפּרײַזן אַלע צאַמען,
אײַנשלינגען די אינדזלען, גרויס און קליין,
און אויסשפּײַען דערנאָך זיי ווידער
ווי טויטע מושלען אויפֿן הייסן זאַמד.
מײַן האַרץ פֿאַרנעמט דעם רוף.
דער בלויער בלענד פֿון שטערן
שפּיגלט זיך אין מײַנע אויגן.
ווילן זיי מיך טרייסטן?
איך שפּיר די אַנגסט אין בלוט
וואָס ריזלט ראַש מיך צו פֿאַרצערן,
ווי דאָס אומקרויט וואָס איך צעטרעט
מיט מײַנע אײַלנדיקע טריט.

צוויי

דער בוים איז אויסגענאַגט פֿון אַלע זאַפֿטן.
די צווײַגן רירן אָן די ערד און בעטן זיך,

ווי אויסגעטריקנטע און אַלטע לײַט:
עפֿן זיך און שלינג אונדז אײַן,
מיר זײַנען סײַ ווי לאַנג שוין טויט.
דער שטאָם איז פֿול מיט צייכנס און מיט שניטן,
מיט אויסגעצאַקטע אותיות וואָס דערמאָנען
אַז אין לבֿנהדיקע נעכט, אַמאָל־אַמאָל,
האָבן יונגע הערצער דאָ געשלאָגן
און זייער ליבשאַפֿט מיט דער אייביקייט פֿאַרקניפּט.
אַפֿילו גרויע פֿייגל מײַדן אויס דעם בוים.
זיי פֿליִען גיך פֿאַרבײַ מיט אַ געפֿלאַטער
וואָס שרומפּט די אָפּגעבליאַקעוועטע קאָרע
אַרײַן אין אַ באַהעלטעניש פֿון שרעק.
אין געלן זאַמד — אַ ווידמעניש
פֿון קריכערס, מוראַשקעס און פֿליגן.
פֿון וואַנען קומען זיי דאָ אין דער טריקעניש?
לעבעדיקע מתים זוכן אין געפֿלעקטן שאָטן
דעם חלום וואָס איז אויסגעלאָשן
אין זייערע הערצער, אין זייערע אויגן.
זיי הערן אין געוועב פֿון צווײַגן
דעם שאָרכנדיקן אָטעם פֿון אַמאָל,
ווען וואַרים בלוט האָט נאָך געריזלט
אין זייערע אָדערן ווי זאַפֿט אין בלעטערוואַרג.
זיי ריידן צו די צווײַגן ווי צו ברידער
און וואַרטן אַז דער בליאַסק פֿון ערשטן שטערן
זאָל אָנצינדן דעם פֿראָסט אין זייערע ביינער.

דרײַ

לאָמיר זיך אין שווײַגזאַמקייט באַהאַלטן.
חיות שווײַגן ניט. פֿייגל און אינזעקטן
האָבן זייער שפּראַך. מיר קענען וואַרטן
און מיט געדולד באַנוגענען זיך
מיט אַ מינע, אַ באַוועגונג און אַ שמייכל.
דאָס איז געשטאַלטונג וואָס פֿאַרמינערט
און פֿאַרצערט דאָס גרילצנדיקע וואָרט

און הוילט עס אוים פֿון יעדן תיקון.
זשאַבעס קוואַקען, קראָען קראַקען,
און אין די קעלערן פֿון תּפֿיסות
איז דער לעצטער כּאָרכל פֿול
מיט ליבשאַפֿט און דערנענטערונג
צו דעם וואָס וואַרט דערויף — צום סוף.
דאָס ליד איז אײַנגעקניפּט אין שווײַגן,
ווי עכטע פֿרייד, ווי טיפֿער טרויער
און ווי דאָס ארץ אין האַרץ פֿון באַרג
איידער דער פֿאַרבלענדעניש פֿון שקר,
שפּעטער אין די רוישיקע געמאַרקן.
דאָס קען מען אָנרירן און שפּירן:
לײַטזעליקייט, גערעכטיקייט און אמת.
זיי קומען פֿון דער ענגסטער שוים אַרוים,
אָן וויי־געשרייען, ניט ווי מפּיל־קינדער,
נאָר ווי זקנים דורכגעזאַפּט מיט חכמה —
די לויטערקייט פֿון טוי אויף זייערע ברעמען.
דער ליגן קיניגט. פֿאַר זײַן טראָן
פֿאַלן כורעים פּרינצן און פּאַיאַצן
און פּרעפּלען תּהילות ותּשבחות
צו זײַן מאַיעסטעט. ער פֿירט
זיי שפּעטער מיט אַ הירזשנדיק
געלעכטער צו דעם עשאַפֿאָט.
דעריבער לאָמיר פֿאַרכטיק שווײַגן
און גיין אויף שטילע, שמאָלע שליאַכן
און מילדע סטעזשקעס וואָס וועלן
ברענגען אונז צום גרויסן סוד:
צום שווײַגנדיקן, אַלץ־פֿאַרשווײַגנדיקן גאָט.

פֿיר

אַזוי איז עס געווען אין אָנהויב:
אַנגסט אין קינדערשער פֿאַרווירטקייט.
די טרער וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט
און אויפֿגעגלאַנצט אין ענגן קאַרב

פֿון מילדן מוילווינקל האָט ניט
דערגרייכט די ציטערדיקע ליפּ.
געבליבן איז די זאַלציקייט,
אַ רגע בלויז און אויסגעטריקנט.
דער מוטערס שמייכל האָט פֿאַרצאָגט
זיך אײַנגעשפּונען אין שוואַרצאַפּל
פֿונעם קינד — אַ צאַפּלדיקע כוואַליע
וואָס די האַנטפֿלאַך האָט געפּרואווט
פֿאַרכאַפּן, נאָר זיך דורכגעריסן
און פֿאַרלאָשן אין אַ כליפּ.
די שמאָלע באַנק פֿון ברוינעם האָלץ
שטאַרט ווי אַן אָפּריס פֿון אַ באַרג,
די דילן גליווערן ווי קיזלשטיין
און פֿון די טיפֿע קאַנטן פֿון סופּיט:
אַ שטילער שאָרך פֿון שמעטערלינגען,
ווי פֿון אַ מעשׂה־בוך אַרויס.
אַזוי איז עס געווען אין אָנהויב.
ווי לאַנג וועט עס אַזוי פֿאַרבלײַבן?
איך האַלט זיך אָן אין זוים פֿון אַ לעגענדע.
ווי לאַנג וועט נאָך דער קנאַל
פֿון פֿאָטערס שטראָפֿנדיקער האַנט
אַקערן מײַן האַרץ און מײַן געניק?
די ערשטע טרער איז אויסגערונען
מיטן מאָרגנשטערן. די צוואַנג
פֿון קינדערשן געווירבל איז פֿאַרשפּינט
אין לעכערדיקע נעצן פֿון גרוזאַנג
וואָס קאַטעוועט מײַן לײַב
ווי שטורעמווינטן קאַטעווען דעם ים.
אַפֿילו בליצן לעשן זיך אין זידנדיקן שוים.
בין איך דער לעצטער פֿון מײַן שטאַם?

פֿינף

נאָך אַ זאַך געדענק איך
וואָס איך וויל פֿאַרגעסן:

פֿערציק יאָר פֿאַר אױשװיץ און מאַידאַנעק,
פֿאַר מאָנומענטן אױסגעהאַקט אין בראָנז
צו דער געדעכעניש פֿון זעקס מיליאָן,
האָט אױפֿגעשטאָכן מײַן געדאַנק
אַ דינער דאָרן פֿון אַ קראַנקער רױז
און אײביק שױן פֿאַרבליבן דאָרט.
דאָס זעכצניעריג ייִנגל איז אַן אַלטער מאַן.
די אױגן אײטערן, פֿון בלױע ליפּן
פֿאַלט פֿון צײַט צו צײַט אַראָפּ אַ װאָרט —
אַ שאָטנשפּליטער פֿון זכרון:
דער אָפּקלאַנג פֿון מײַן פֿאָטערס קול
שאַלט װי דער קנאַל פֿון אַ פֿאַרדאַרטער בײַטש.
איך בין ניט מער דער יונגער זון
װאָס האָט געשטאַמלט און געװאַרט
אױף כאָטש אַן אײנציק װאָרט פֿון ליבשאַפֿט
און גענאָד. ער האָט מיך אָפּגענאַרט.
איך האָב געזען די זון אױף לאַנגע שינעס
װאָס האָבן זיך געצױגן אין דער װײַט,
און האָב געשפּירט דעם קאַלטן בליק
פֿון זײַנע טריט אױף טראָטואַרנשטײנער.
/ זון, זײַ ניט גנעדיק צו מיר, ניט שלעכט. /
איך האָב געאַקערט די קאָרע פֿון דער ערד.
די גאַס איז אױסגעװאָקסן אין אַ הײל
אין װעמענס טיפֿעניש איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט.
װי אַזױ װעל איך דעם װעג צוריק געפֿינען?
אַ זײַל אַן אָפּגעטײלטער פֿון דער זון
איז אין מײַן פֿאָטערס אױג אַנטרינען.
איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַמלט װי אַ נאַר —
/ זון, לאָז איבער די שינעס און דעם טראָטואַר. /
נאָר די זון האָט אַ טרײסט מיר אונטערגעטראָגן,
איך האָב געקושט די הענט װאָס האָבן מיך געשלאָגן.
װאו פֿירסטו מיך? איך װעל גײן װאו דו װעסט גײן,
צום פּנים װאָס האָט אױפֿגעפֿלאַמט פֿון צאָרן.
איך בין געבליבן שטײן אין שאָטן פֿון דער זון
װען מײַן פֿאָטערס אױגן האָבן זיך איבערגעקערט.

צוואַנציק יאָר נאָך אוישוויץ שנײַדט דער דאָרן
נאָך אַלץ מײַן האַרץ און מײַן זכרון.

זעקס

איך צאָל אָפּ מײַנע חובֿות די רשעים
וואָס רינגלען מיך אַרום פֿון אַלע זײַטן:
אַן אָקסלצוק, אַ שמייכל, אַפֿילו מיט אַ ליד
וואָס קומט אין לײַטזעליקע רגעם
און שלעפּערט אײַן דערמאָנונגען
פֿון בייזע און אומווירדיקע מעשׂים —
זלידנער שוים אויף סלינענדיקע ליפּן,
סם המות אין די קרומע אויגן,
און קללות ביטערע וואָס פֿאַלן
אויף וויסטע פֿעלדער און אויף פּוסטע וועלדער.
איך בין אַרומגעצאַמט אין ענגן קרײַז
וואָס דיכטער נעמען אַן מיט פֿולסטער ליבשאַפֿט
און רופֿן, אַן פֿאַראיבל: דאָס איז לעבן.
דער רשע איז קיין רשע ניט. ווען שׂונאים
לויערן, אויסגעצעצט ווי קראָען אויף שטאַכעטן,
ווערט זייער קראַקען ווי געזאַנג בײַ די פּאָעטן,
און זייערע פֿליגל פֿלאַטערן ווי טונקל גאָלד
אין האַרבסטיק־ביטערע שפּעט־אָוונטיקע שעהן.
איך זע ווי אין אַ גלאַטן וואַסער־שפּיגל
זייערע פֿאַרשקרופּלטע געזיכטער
און שטרעק די אָרעמס אויס מיט ליבשאַפֿט
און דריק זיי צו מיט מילדקייט צו מײַן האַרץ.
זיי שווײַגן ווען איך זאָג איך בין זיי מוחל.

זיבן

דאָס איז געווען אַ לאַנגער וועג.
איך האַלט זיך אַן אין מײַן פֿאַרמעג:
אַביסל פֿרייד, אַביסל שרעק.
לויבגעזאַנג און שטראָף.

אין אָנהויב איז דער סוף,
אַפּילו בײַ די ל״ו.
אין שענסטן בלי, די רויז
ווייסט אַז זי וועט ווערן אוים.
דאָס קינד דאַרבט אין דער מוטערס שוים.
אַ פֿויגל, דורכגעווייקט אין ווײ,
הויבט זיך אויף פֿון ווײַסן שניי
און פֿליט אַוועק מיט אַ געשריי,
וואָס הילעכט אָפּ אין מײַן געביין.
דער וואָרעם נאָר אין וואָרצל כרײַן
מיינט אַז אַלץ איז ריין און שיין.
אין צוואַנג פֿון ווארעמס און פֿון קאַלטס —
גיב מיר אַ קרישקע ברויט מיט זאַלץ
און ווערטער פֿאַר אַ ליד — דאָס אַלץ.

אַכט

ווער האָט דיר ניט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן,
געהאַלטן גרייט אַ לאָפּעטע מיט ערד
און הויך פֿאַרגאָסן דימענטענע טרערן
אויף דײַן מערכה, מאַמע יִדיש.
אויך איך האָב, אין געפּלאָג פֿון יאוש,
געמיינט אַז ווען די בענשליכט צאַנקען
וועט בלײַבן נאָר אַ צוויט פֿון טויטן קנויט.
איך האָב פֿאַרזען דעם פֿלאָם אין דײַנע אויגן,
אין דײַן בלוט, און מיט די אָפּשפּרעכער
געזעסן נאָך דיר שבֿעה פֿאַר דער צײַט.
שײַטערהויפֿנס האָבן דיך געגערט און ניט פֿאַרצערט,
שחיטות האָבן בלויז געמינערט טיילן פֿון דײַן לײַב,
נאָר דײַן נשמה איז געבליבן גאַנץ און לויטער
ווי דער זאַפֿט פֿון פֿײַגנבוים ווען פֿולע פֿרוכטן
פֿאַלן אויף דער ערד פֿון זעט אין שפּעטן האַרבסט.
אַן עקרה ביזטו קיינמאָל ניט געווען.
אַפּילו אין די פֿרילינג-טעג פֿון לעבן
ביזטו געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון האַרבסט

און אויסגעצירט די קינדער פֿון דײַן דיך
מיט בלעטערוואַרג פֿון בלוט און פּיאָלעט,
וואָס שטורעמווינטן האָבן שנעל פֿאַרטראָגן.
אין אַלע ווינקלען פֿון דער גרויסער וועלט
וועלן זיי דיר אויפֿשטעלן אַ געצעלט.

נײַן

די אייזלען ברילן און די כּלבֿים בילן
און אינעם אַלקער, מאַן און ווײַב —
פֿאַרשפּונען אין אַ נודנער שׂנאה —
האַלטן אײַן דעם סוד אויף זייערע ליפּן:
פּײַן און קלעם פֿון גליווערדיקן בלוט.
די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט — אַ קראָ
מיט גרויע פֿאַסמעס ווי שאָטנס פֿון אַ חלום.
אין שמאָלן אַלקער, אין דער שפּעטער שעה,
שווײַגן מאַן און ווײַב און הערן
די אייזלען ברילן און די כּלבֿים בילן —
ניט צו דעם טיפֿן אויסגעוועלבטן בויך
פֿון וואַנען די לבֿנה און די שטערן
ווארפֿן פֿראָסט אויף אויסגעדאַרטע פֿעלן,
נאָר גלײַך אויף זיי, און בענקען נאָך דער ליבשאַפֿט
וואָס האָט אויסגעצאַנקט שוין לאַנג
דאָ, אין זייערע פֿאַרצאַמטע ד׳ אמות.
געדענק איך דאָס? בין איך געווען דערבײַ?
בין איך דער זון וואָס האָט געזען דעם שפּרײַ
פֿון שׂנאה אָפּווישן די ליבשאַפֿט און געשווינגן?
זעכציק האַרבסטן נערן איך דעם ליגן.

צען

איז דאָס מײַן פּנים אינעם טײַך פֿון בלוט?
שלענג און עקדישן ליגן אויסגעצויגן
און וואַרפֿן זיך ווי חולי נופֿל אינעם ווינט.
שרעק אין מיטן טאָג. זונבלומען ציטערן

אין שאָטן פֿון אויפֿגעפּוישטע וואָלקנס
וואָס שפּאַלטן זיך פֿון דונערן און בליצן.
איך בין אַ פֿרעמדער אין אַ פֿרעמדער וועלט
און שטיי באַם זוים פֿון אַ וואולקאַן
וואָס שוימט מיט פֿײַערדיקן קיזלשטײַן
ווי בײַ דעם סאַמע אָנהויב פֿון באַשאַף.
אין טײַך פֿון בלוט דערקען איך ניט מײַן פּנים.
איז דאָס מײַן לײַב וואָס גליט אין היץ און קעלט?
איז דאָס דער אָנהויב, צי איז דאָס דער סוף?
זעכציק הערבסטן האָבן אויסגענאָגט
דאָס בלוט פֿון מײַנע אָדערן, דעם מאַרך פֿון קאָפּ.
וואו זאָל איך גיין — אַרויף, אַראָפּ?
דער וועג אַרויף איז איינער און דער זעלבער
ווי דער וועג אַראָפּ — האָט העראַקליט געזאָגט.

אינהאַלט

תּרשיש 7
וואָס נאָך בין איך דיר שולדיק, פּוילן ? 8
עלעגיע 9
מיר קענען ניט אַנטלויפן פון די קיילער 10
מיטן־נאַכטיקער געשפּרעך 11
ייִדיש 12
די סדרה ויחי 14
פּאָעטן 16
גאָטס האַרבעריק 17
בבל
ייִדישע פּאָעטן אין ניו יאָרק 19
דערציייל מיר אַ מעשׂה... 20
באָנטשע, שוויַיג ניט... 22
דער בעל מום רעדט צו גאָט: 23
קליינע עלעגיע 24
פיר לידער פון אַרטור רעמבאָ 26
אַ טויב אין מאַנהעטן 28
צום וויַיסן סוד 29
אַ צוויַיגל אויפן טראָטואַר 31
אין וואַלד פון ליד 32
מיַין וואַלד 33
גיב מיר דיַין אָטעם 34
דער חלום איז מיַין עדות 35
געדענק־טאָוולען 36
צוויי לידער צו לאהן 43
וויין ניט, מוטער רחל 44
שאָטנס אויפן שליאַך 45
פיר בילדער 47
צום קלענסטן שטערן 49
גרונטפעסטיק מיך 50
טאַבאַטשניק, וואָס הערט זיך אויף איסט בראָדוויי ? 51
אין גינגאָלדענעם שוויַיגן 53
פאַרטיליק מיך 54
דער ווינט וועט אַלץ פאַרשאַרן 55
עלעגיע : דזשאַן קענעדי 56
קליינע עלעגיע 57
פּאָעטן 58
אַ גרויער רעגן פאַלט 59
אין דיַין שאָטן 60
דו גרייטסט צום טיש 61
קליינע עלעגיע 62
האַרבסטיקע פיַיערן 63
אין דער בלויער קרעטשמע מיט איציק מאַנגער 64
אין דער פרי ביַים גרויען קלויסטערל 65
אַ לאַנגער רעגן רינט 66
אין קליינע שטעט 67
שלעפער מיך איַין 68
פון חלום 69
פון וואַנען קומען זיי ? 70
הגר אין מאַנהעטן 71
דריַי לידער פון יוליאַן טואווים 72
אַ חתונה פון מאַרק שאַגאַל 74
מאַני לייב 75
משה לייב האַלפערן 76
זישאָ לאַנדוי 77
איציק מאַנגער 78
וואָס זישאָ לאַנדוי האָט מיר אָנגעזאָגט 79
צו אַבֿרהם סוצקעווער 80
דריַי לידער פון לי־טאַי־פּאַ 81
צום מילכוועג 84
דיַיטשן אין הייליקן לאַנד 85
איך בין אַ טאָל מיט טויטע דאַפאָדילן 86
צו אַ געהיימען בריוושריַיבער 90
פירער 91
אין מאַרק פון וואָרט 92
קידער ווידער 93
אַפּאָקאָליפּטיש ליד 94
אין טאָל פון שרעק 95
דער פּאָעט פרעגט און ענטפערט זיך אַליין 96
אין בידנעם פלאָשינג 97
קום מיט מיר קיין אוישוויץ 87
גערמאַנוס 88
„אונטער דען לינדען“ 89
צום פאָטער 98
דער לידער־וואוכערעניק 99
דער פּאָעט פרעגט און ענטפערט זיך 96
מיַינע חבֿרים 100
יעקבֿס דיך 101
עלעגיעס נאָך זעכציק האַרבסטן 102

דער קוואל
der kval